STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03863

GEKLIBENE VERK

H. Leivick

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געקליבענע ווערק פון ה. לייוויק

הירש לעקערט

דראַמאַטישע פּאָעמע
אין זעקס בילדער

ווילנע - 1931
ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

ה. לייוויק

הירש לעקערט

דראַמאַטישע פּאָעמע
אין זעקס בילדער

ווילנע — 1931

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

H. Łeiwik — Hirsz Lekert

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

פּערזאָנען

הירש לעקערט — אַ שוסטער.

זיין ווייב.

זיין מאַמע.

זיין פעטער.

ר׳ זאַליע — אַ ייד אַ למדן.

מענדל — אַ וואַסערטרעגער, זאַליעס זון.

איסאַק — אָנפירער פון „באָיעוואָי אָטריאַד״.

אוסישקין — מיטגליד פון קאָמיטעט.

רחל
רייזל
יאָשקע בויגער
פייוול שלאָסער
רחמיאלקע באַלעגאָלע
וועלפקע מאַליער

} בונדיסטן, מיטגלידער פון „באָיעוואָי אָטריאַד״.

פאָן וואַל — גובערנאַטאָר.

ראַבינער.

שטיל־אַריינגעקומענער.

באַלעבאָסטע פון אַ טיי־שטיבל.

יידן, אַרבעטער, טורמע־וועכטער.

בילד איינס

אַ קעלער-וווינונג פֿון לעקערט. רעכטס אַ טיר צום קעמערל, וווּ עס וווינט זאַליע מיכעס, אַ ייִד אַ למדן, וואָס זיצט אייביק און לערנט, און זיין זון, מענדל דער וואַסערטרעגער. אין פֿאָרנט אַ קיך מיט אַן אויוון. די שטוב אַליין, וווּ עס געפֿינען זיך די לעקערטס,— איין חדר. גרויסע אָרימקייט. צוויי בעטן, אַ טיש אַ נאַקעטער און אַ פּאָר לאַנגע בענק.

פֿרימאָרגן. דער אויוון ברענט. ווייב און מאַמע זענען פֿאַרנומען מיטן אויפֿראַמען, דרייען זיך אַרום אין שטוב און קיך. מאַמע—קראַנק, באַוועגט זיך שווער. איר קאָפּ איז אַרומגעבונדן מיט אַ נאַסע טוך. ווייב נאָך אַ יונגע, אַ יאָר איין-און-צוואַנציק. אַ מידע, אַ פֿאַרגאַנגענע אין טראָגן, מיט אַן אויסגעליטענעם פֿאַרשוויגענעם פּנים, פֿאָרעט זיך ביים אויוון מיט קאַרטאָפֿל. אָנגעטון זענען די פֿרויען נאַבלעסיק מיט טיכלעך אויף די קעפּ. פֿעטער—אַ גוטמוטיק, לעבעדיק יידל, אַ שוסטער, שטייט אין טיר צווישן קיך און שטוב און רעדט, דרייענדיק מיטן קאָפּ אַלע ווײַלע צו יעדער זייט, וווּ די פֿרויען באַוועגן זיך. אונטערן רעכטן אָרים—טלית און תּפֿילין. אויף דער לינקער האַנט עטלעכע באַליעהעס. פֿון קעמערל דערטראָגט זיך אָפּט אַ שטילער אָבער זיבערער ניגון פֿון זאַליען. דאָס זיצט ער און לערנט.

פעטער

איי, איז דאָס אַ הירשקע, — אַ פּלימעניק.
איי, איז דאָס אַן אורח אַזש פון קאַטערינאָסלאַוו. —
נישט געקומען נאָך געוואָר ווערן דעם פעטער מיט דער מומען.

מאַמע

דו פרעג, צי האָבן מיר אַליין אים אָנגעקוקט גענוג.
ערשט נעכטן אָנגעפאָרן. נו, — און זעסט דאָך:
קיין ברעג פון בענקל נאָך נישט אָנגעוואַרימט.

פעטער

(צום ווייב)

נו, און דו וואָס זאָגסט?

(ווייב שווייגט)

מאַמע

מסתמא זענען פרעמדע בילכער.
מסתמא האָבן פרעמדע מער די אויגן אויסגעוויינט,
ווי איך, ווי זי. (וויינט)

ווייב

(מיט געבעט)

שוויגער.

פעטער

שוין צייט געוווינט צו ווערן צו דעם אַלעם.
הירשל איז דאָך היינט נישט אַבי ווער—אַ קעמפער.

מאַמע

הער אויף מיט דיינע וויצן.

פעטער

אָט האָסטו דיר—וויצן, איך מיין דאָס אמת.
אַ מענטש האָט אָפּגעקאַטעוועט אַ יאָר אָסטראָג,
דערנאָך אַ יאָר אַ צווייטן פּאָד-נאַדזאָר.
ער קען שוין זיין אַ גאַנצער יחסן איצט ביי זיי, ביי חברה.
וואָס—אַליין געקומען?

מ אַ מ ע
(מורא)

אַנטלאָפן.

פ ע ט ע ר
(מיט ווונדער)

פון פּאָד-נאַדזאָר אַנטלאָפן! איי, איז דאָס אַ הירשקע!

ו ו י י ב

און וואָס אין ווילנע טוט זיך—ווייסט איר דאָך מסתמא.

פ ע ט ע ר

אַ שאלה צי איך ווייס. פּחד, אימת-מות,
פֿאָן וואָל דער גובערנאַטאָר—איי, איז דאָס אַ רשע, —
ער שלאָגט, ער פּייניקט, און צו יידן ערגער נאָך ווי המן.
נו, און חברה וויל נישט שווייגן, —
ערשטער מאַי איז היינט ביי זיי.

ו ו י י ב
(מיט טרערן)

האָט אים אָנגעטראָגן אַקוראַט צום ערשטן מאַי.

פ ע ט ע ר

ווייִן נישט.

ו ו י י ב

מ'עט אים ווידער אַרעסטירן.

פ ע ט ע ר

ער ווייסט נישט, אַז ער דאַרף זיך איצטער היטן?
דאָך באַלד אַ טאַטע ווערן.

ו ו י י ב
(פאַרשעמט רוקט זיך אַרוים אין קיך.)

פ ע ט ע ר

אַ יידישע זאַך. נישטאָ זיך וואָס צו שעמען.

(מען הערט פון קיך אַרוים ווייבס בליפען. פון קעמערל
זאליעס ניגון.)

מאַמע

אַ ביטערער צער אויף איר. אַ שטיל קינד.

פעטער

(לייגט צו אַן אויער צום טיר פון קעמערל, צו זיך אַליין)

זיצט אַ ייד און לערנט און האָט די וועלט אין דר'ערד.
נישט אַזוי ווי מיר — האַווען, האַווען.
און וווּ איז מענדל — דער חכם זיינער?

מאַמע

וווּ זאָל ער זיין? טראָגט וואַסער.

פעטער

נו, זעסט: דער טאַטע—אַזאַ למדן. און דער זון —
אַ וואַסערטרעגער, אַ שטיק נאַר.

(באַוועגט זיך נאָכן קול פון זאַליען)

איי, איז דאָס אַ ניגון—אַ מחיה, זיס ווי צוקער.

(עס קומט אריין רייזל – אַ יונג מיידל, פארפוצט אין
אַ שוואַרצער בלוזע מיט קוטאַסן. בלייבט אין קיך
מיט הייב, בויגט זיך אריבער אין שטוב אריין און
זאָגט: גוט מאָרגן.)

מאַמע

גוט יאָר דיר, גוט יאָר.

רייזל

ליב אייך אייער גאַסט.

מאַמע

אַ דאַנק, טאָכטער. (צום פעטער) ס'איז ריייזעלע, אברהם דעם
רימערס.
געהלשט הירשקען, אויסגעגאַנגען נאָך זיינע טריט.
און ער—ניין און ניין. נישט געוואָלט זי.
אַ מיידל אַ פאַרדינערין — אַ שניידערקע.
און איצטער איז מען ווידער דרושקעס.

פעטער

אויך פון זייערע, מסתמא —

מ אַ מ ע

נו, ווי דען, אַוודאי, אָבער אַ ווויל קינד.
פלעגט יעדע וואָך אַריינקומען זיך נאָכפרעגן,
וואָס הערן מיר פון הירשקען. ליב און איידל.
און טאַקע „גרינגער מאַכן אויפן האַרצן, און אַמאָל
אָפילו מיט אַביסל געלט אַרויסהעלפן.
זי האָט אים איצטער אויך אַוודאי ליב—הירשקען.

ר י י ז ל

(קומט אריין, ציט פאר א האנט דאס ווייב)
געגוג צו וויינען, טייערינקע. (צו דער אלטער)
ווי קוקט ער אויס דער אורח? הושך?

ו ו י י ב

ניין, נישט חושך. נאָר עפּעס גלאַט מאָדנע.

מ אַ מ ע

אַ שווייגער געוואָרן. פרעמד. געזען אַזוינס!

פּ ע ט ע ר

נישקשה, זאָל ער נאָר צוריק אַ נעם טון
אַ קאַפּול אין די ידים, אַ העמערל —
(צו רייזל) ווען איר טאַקע גיין היינט מיט הקפות?

ר י י ז ל

וואָס מיינט איר?

פּ ע ט ע ר

איך מיין—אָט—ווי רופט מען דאָס ביי אייך?
מיט דער רויטער פאָן.

ר י י ז ל

(לאַכט)

יע, מירן גיין.

פּ ע ט ע ר

זאָל הירשקע זיצן אינדערהיים היינט. זאָגט אים.

מ אַ מ ע

רייזעלע.

ר ײ ז ל

דאָס קען איך אים נישט זאָגן.

פ ע ט ע ר

איי, איז דאָס אַ חברה.

מ אַ מ ע

(שלעפּט זיך צו צום בעט, זעצט זיך קוים אַרונטער. רייזל האַלט זי צו)

ר ײ ז ל

לייגט זיך, באָבינקע.

מ אַ מ ע

ווי קען איך?

(עס קומט אַריין מענדל מיט עטער אויף די אַקסלען, פּאַרהאַקסן מיט אַ רויטער באָרד. אָפּגעריסן, האַלב באָרוועס. אַ יאָר דרייסיק אַלט. אויסקוק פון אַ תּם מיט אַ מינע פון שטילן ווייבן שמייכל.)

מ ע נ ד ל

הירשקע דאָ?

פ ע ט ע ר

וואָס איז, חכם מיינער?

װ ײ ב

טשעפּעט אים נישט, פּעטער.

פ ע ט ע ר

צעטראָגן שוין דאָס גאַנצע וואַסער, מענדל?

מ ע נ ד ל

צעטראָגן, אַ כאָליערע אים אין די זייטן.

פ ע ט ע ר

וועמען שעלסטו?

מ ע נ ד ל

שעפּען. ער מיינט, אַז ער איז אַ גביר—איז—איז. זיבן צעבערס וואַסער אָנגעשלעפּט אים — און — און —אַ צענער קוים. אַ פינצטערער יאָר.

פעטער

(קרימט אים נאָך)

אַ פינצטערער יאָר.

מענדל

(פלוצלינג מיט בעס, שפּאַנט אויפן פּעטער)

גאָר קרימען זיך.
איך האָב נישט מורא מער פאַר ווילנע.
איך פאַרשווייג נישט.

פעטער

(רוקט זיך אויף צוריק)

זע נאָר, זע נאָר.

מענדל

(רויקער)

ער איז געזונט, הערשקע?

מאַמע

יע, מענדל.

מענדל

(מיט פרייד-געלעכטער)

גוט, מיין חבר איז ער.
אין איין תּלמוד-תּורה מיט מיר געגאַנגען.

זאַליע

(באַווייזט זיך אויפן שוועל פון קעמערל. אַ זקן, אַ דינער, אַ הויכער, מיט אַ שאַרף, ווייס בערדל. גריסט זיך נישט מיט קיינעם. שטייענדיק אין טיר, זאָגט בייז און אָפּגעהאַקט)

אַהערצו גיי.

(מענדל מיט האַסטיקייט אָפּ אין קעמערל אריין. דאָס טירל פאַרמאַכט זיך. ניגון צוריק.)

פעטער

איי, איז דאָס אַ טאַטע. אַ גזלן.

מאַמע

ער האָט אים האַלט דער אַלטער. זעט אים צו, דערלאַנגט אים עסן און בעט אים אויס די בעט אפילו, ווי אַ מאַמע.

רייזל

אַ מענטש האָרעוועט. שלעפּט וואַסער.

(צו פרוי לעקערט)

וואָס איז אייך, טייערינקע, ווידער?

(פרוי פארשווינדט אין קיך צוריק. רייזל נאָך איר.)

מאַמע

אַ שווערן טראָגן האָט זי נעבעך. זיך. וואָס זיצסטו נישט? —

(אזוי ווי צו זיך.)

קיין גאַנץ העמד נישט אויפן לייב. קיין ריכטיק קליידל.

(שטיל. זאַליעס קול. עס קומט אריין לעקערט. מיטע-לער וווקס, שוואַרצע וואָנצעס, ברייטע פּלייצעס, שטאַר-קער טראָט. פּנים אביסל אויסגעצערט. פּראָסטקייט, איינגעשפּארטקייט, ערלעכקייט. ווען ער שמייכלט איז דאָ אין אים אסך יינגלשעס.)

לעקערט

(אין קיך נאָך, דערזעענדיק רייזלען)

רייזל! (כאפּט זיך ארום מיט איר. קושן זיך.)

פּעטער

(לויפט אנטקעגן)

שיינער מענטש דו, שיינער פּלימעניק מיינער. (כאפּט אים אריין אין די אָרימס, קושט אים, שלעפּט אים אין שטוב אריין.)

פּעטער

מען דאַרף אויף דיר אַזוי לאַנג וואַרטן.

(פרוי און רייזל אין טיר. רייזל קוועלט אָן. פרוי מיט אומעטיקן שמייכל)

לאָמיר דיך אַזוי נאָר אָנקוקן.

אַז זיי ריידן וועגן דיר אַזוינע זאַכן.

לעקערט

וועלכע זאַכן?

פּעטער

אַז דו טאַנצסט שוין נישט און שפּרינגסט שוין נישט און רעדסט נישט.

ל ע ק ע ר ט

וואָס מאַכט די מומע?

פ ע ט ע ר

געזונט, אַ דאַנק השם יתברך.

ל ע ק ע ר ט

(צו דער אלטער, וואָס זיצט אויפן בעט מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן קישן)

וואָס איז דיר, מאַמע?

מ אַ מ ע

דער קאָפּ, נישט פאַר דיר געדאַכט.

ל ע ק ע ר ט

(צום ווייב)

און וואָס איז מיט דיר? ביסט בלייך אַזוי. (לייגט ארויף זיינע הענט אויף אירע אקסלען, קוקט זיך איין אין איר.)

ו ו י י ב

(אויפגעלייגט אונטער זיין בעריר)

ס'איז גאָרנישט, הירשל.

ל ע ק ע ר ט

האָסט ווידער געוויינט.

ו ו י י ב

ניין, ניין.

ל ע ק ע ר ט

(נעמט אָן איר פּנים, גלעט זי פאַר די באַקן)

וויינסט צופיל.

ו ו י י ב

(באהאלט איר פנים אויף זיין אקסל, כליפּעט)

ל ע ק ע ר ט

אַזוי וועט נישט טויגן.

ו ו י י ב

האָב נישט קיין פאַראיבל.

ל ע ק ע ר ט

האָסט געגעסן שוין?

ווייב

אַז מיר וואַרטן דאָך אויף דיר.

לעקערט

אַך, צו וואָס? (קען זיך קיין אָרט נישט געפינען. פילט אויף זיך אַלעמענס בליקן. צו רייזלען, וועלכע האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ ווינקל און מיט טיפע אויגן נאָכגעקוקט זיין יעדע באַוועגונג.) נו, רייזל.

רייזל

נו, לעקערט —

לעקערט

פאַרוואָס מיטאַמאָל לעקערט, נישט הירשקע?

רייזל

איך ווייס אַליין נישט. ביסט טאַקע עפּעס אַן אַנדערער.

לעקערט

מוז איך דאָך נישט אייביק זיין הירשקע שפּרונג, הירשקע פייף

רייזל

האָסט נישט קיין חרטה אויף דעם יאָר טורמע?

לעקערט

אָ, ניין, ניין.

רייזל

איך בין דיר אַזוי מקנא. ביסט געזעסן מיט חברים?

לעקערט

אַביסל צייט. דערנאָך אַליין אין אָדינאָטשקע.

רייזל

איינער אַליין?

לעקערט

נישט שרעקלעך. אַ נאַש בראַט דאַרף עס. איבערטראַכטן דאָס אייגענע לעבן.

רייזל

נו, איבערגעטראַכט?

לעקערט

(פארשעמט)

יע, געפרווט אויך לערנען, לייענען און שרייבן.

פעטער

(פון קיך ארויס)

איי, איז דאָס אַ הירשקע, קען שוין לייענען און שרייבן.

לעקערט

פעטער! (צו רייזלען) נו און דו?

שוין אויך אין דער באַוועגונג, הער איך.

רייזל

יע.

לעקערט

און מיך האָסטו נישט געלאָזן אַגיטירן דיך.

ביסט בייז געווען אויף מיר.

רייזל

(פריילעך)

צו וואָס דערמאָנען, הירשקע? מען דאַרף נישט.

(שטראַלנדיק) אַזוי מקנא בין איך דיר.

אַזוי מקנא. (שטיל) וועסט קומען היינט?

לעקערט

(אויך שטיל)

דו פרעגסט נאָך?

רייזל

איך דאַרף שוין גיין. מירן זיך זען נאָך.

לעקערט

איך וואָלט וועלן מיט דיר רעדן מער.

איך הער, ס'איז עפּעס דאָ נישט פריילעך.

רייזל

נישט איצט. (צו אַלעמען) אַ גוטן אייך. (אָפּ)

פעטער

(גייט צו צו לעקערטן, קלאַפּט אים אין פּלייצע)

טאָ הער־זשע, גוטער־ברודער. —

אַ פֿאַרטעך האָסטו, נעם און טו אים אָן,
און זעץ זיך ביים וואַרשטאַט ביי מיר אין שטוב.
און נעם דאָס נאָדעלע, און נעם דאָס דראַטוועלע
און מירן ביידע אָט-אַזוי אַ קלאַפּ טון מיט די העמערלעך.

לעקערט

איך וועל גיין אין אַ מעכאַנישער שוסטעריי, אין אַ פֿאַבריק.

פּעטער

צו וואָס פֿאַבריק? ביי מיר אין שטוב,
ביי אייגענעם וואַרשטאַט. אַזאַ מחיה.

לעקערט

כ׳וועל גיין אין אַ פֿאַבריק.

פּעטער

איך וועל דיר נישט קריוודען

לעקערט

אין אַ פֿאַבריק, ווו עס אַרבעטן אַסך.

פּעטער

(פֿאַרלאָרן)

איי, ביסטו אַ הירשקע! (נעמט זיך איילן) נו, טאָ זייט מיר אַלע...
(לאָזט זיך גיין, כאַפּט זיך צוריק, נעמט אָן לעקערטן פֿאַר אַן
אַקסל, קוקט אים אין די אויגן, בעט זיך) פֿאָלג אַמאָל אַ פעטער.
גיי נישט היינט אויף דער דעמאָנסטראַציע.

לעקערט

(אומגערן)

פּעטער — —

פּעטער

איי, טאַטע-פּאָטער, טאַטע-פּאָטער.
(אָפּ אַנטריסטעט. פרוי קומט אריין. זעצט זיך אויפן
בעט צופוסנס דער אלטער. זאליעם קול.)

לעקערט

אַז איר וועט אַזוי אַלע וויינען איבער מיר,
וועל איך זיך אויפהייבן און אַוועקפֿאָרן צוריק.

מאַמע

(הויבט זיך אויף)

נו, וואָס זאָלן מיר טון, זון מיינער. מיר זענען עלנדע.

לעקערט

נו, וואָס זאָל איך טון? זאָגט!
אַז איך בין פּאָרט אַ קעמפּער.

ווייב

נישט יעדער קריכט אַזוי אין פייער.

לעקערט

אַז ווו אַ טראָט איז פייער.
וואָס הייסט איך קריך.—איך גיי. איך מוז.

ווייב

מען קען דיך שוין נישט איבעררעדן, אָבער היטן זיך אַביסל.
מ'עט דאָך דיך אין סיביר אַוועקשיקן.

מאַמע

מען מוז דאָס איינשטעלן דאָס לעבן? (לעקערט שווייגט)
וואָס שווייגסטו?

לעקערט

(מיט אימפּעט)

ס'איז מיר שווער צו רעדן, אַז איר וויינט.
נו, וואָס קען איך טון?
אַז איצט בין איך אַ קעמפּער — בין איך מיטן גאַנצן לעבן,
מאַמע...

מאַמע

צי דו'סט שוין איבערמאַכן די וועלט,
הירשקע?

לעקערט

דו ווייסט זען, מאַמע,
אין עטלעכע יאָר אַרום. די גאַנצע וועלט וועט ווערן פריי.
אַפריער רוסלאַנד, דערנאָך די גאַנצע וועלט.
און עס וועט נישט זיין מער קיין אָרים און קיין רייך,
און אַלע מענטשן וועלן זיין גלייך;

און קיינער וועט דעם אַנדערן נישט ווי טון.
וועסט זען, מאַמע, נאָך אַפּאָר יאָר, נישט מער.
לאָמיר נאָר פונעם קייסער פּטור ווערן.

מאַמע

אוי-ווי איז מיר, רייד שטילער.

לעקערט

נישקשה, מאַמע, קיינער הערט נישט.

מאַמע

גרעסערע קעפּ פון דיר האָבן
גאָרנישט געקענט אויספירן.

לעקערט

ווייל דער ראַבאָטשי נאַראָד האָט געשוויגן.
און איצט האָט ער זיך אויפגעהויבן.

מאַמע

(קריכט ארונטער פון בעט, בייז, מיט התראה)
האָסט פאַרגעסן, אַז אַ קינד קומט ?
צו וואָס האָסטו זיי גערופן קיין קאַטערינאָסלאַוו, האַ ?

ווייב

מיין האַרץ ווערט מיר צעריסן

לעקערט

וואָס איז מיט אייך ? איך שטאַרב נאָך נישט.

ווייב

איך האָב מורא. איך ציטער.

מאַמע

(כאַפּט אים פאַר די הענט און מיט ציטער)
הירשקע ! (קלאָגן ביידע)

לעקערט

(אַן אויפגעשווידערטער)
וואָס באַקלאָגט איר מיך שוין ?

(זאַליעס קול)

(עס קומען אריין יאָשקע בויגער, פייוול שלאָסער, רחמיאלקע בעל-עגלה. געזונטע יונגען, שלעגער. לע·קערטס אמאָליקע חברים. איצט בונדאָווצעס, מיטגלי·דער פון קאמפס-דרוזשינע)

רחמיאלקע

אַ גוטער מאָרגן. (די איבעריקע זאָגן נאָך. שטייען ביים טיר אפיסל נישט דרייסט, דערשפירנדיק די אומעטיקע שטימונג אין שטוב.)

ווייב

גוט יאָר.

לעקערט

וואָס שטייט איר ביים טיר? קומט אַריין.

מאַמע

(האָט זיך אריינגעוואָרפן צוריק אין בעט)

ווער איז דאָ?

לעקערט

מיינע חברים, מאַמע.

רחמיאלקע

ליב אייך אייער גאַסט.

מאַמע

נעמט אים נאָר נישט צו פון אונז.

ווייב

זיצט.

(זיי צעזעצן זיך ארום טיש)

פייוול

בישט גוט דאָ. (ווינקט צו לעקערטן) מיר ווען בעסער גיין.

לעקערט

ש-ש... זיצט אַביסל.

יאָשקע

איך האָב ליב צו דברן.

לעקערט

נו, גוט.

פּיוול

פאַרענדיק וועגן דער טורמע, וועגן קאַטערינאָסלאַוו.

לעקערט

נישט איצט. איך וויל אַפריער וויסן
וואָס טוט זיך דאָ אין ווילנע, אין היגן „בונד“.

יאָשקע

וואָס זאָל זיך טון דאָ? ס'איז פּאַסקודנע. איידל גערעדט.
פאָן וואָל דערגייט די יאָרן.

פּיוול

ער אַרעסטירט איוף רעכטס און לינקס און—גאָרנישט.
נישט גוט ביי אונז אין דער באַוועגונג,
די בעסטע פאָרשטייער זיצן אין די טורמעס,
און די, וואָס זענען דאָ —

רחמיאלקע

לאָזן אונז אַ האַנט נישט אויפהויבן,
כאָטש נעם און שטעל זיך תהילים זאָגן...

יאָשקע

צו איך זאָג דאָך דיר: ס'איז דאָסיק, איידל גערעט.
(אויפן אויער) דער קאָמיטעט אַליין האָט מורא.

רחמיאלקע

אַהער נישט גיי, דעם ריר נישט אָן און דעם שאַנעווע. —
דו געדענקסט דאָך, ווי מיר פלעגן עס אַמאָל צוזאַמען
אַ גאָראָדאָוואָי צי אַ זשאַנדאַרם אַ שנעל טון אין פּאַטילניצע,
צי די שויבן פון אַן אַרעסט-הויז אַ קנייטש טון,
צי אַ פידל טאָן די זייטן פון אַ שטרייק-ברעכער
מיט זיין צאַצקעדיקן באַלעבאָס אינאיינעם; — —
אַ מחיה, פלעגסט אַ כמאָל טון, אַזש אַ רויך פלעגט גיין.
און איצט—אָ, פרעג שוין נישט—כאָטש נעם די הענט דיינע
און ווייק זיי איין אין אַ פּאַס מיט שיינע ריידלעך...
שטעל אַ פלעשל, הירשקע, שטעל. אַ רוח אין פאָן וואַלן

פּיוול

וואָס פאַר אַ פלעשל אינמיטן דערינען. אַ שיינע מעשה!

דער באַיעוואָי אָטריאַד זאָל שיכּור זיין אין ערשטן מאַי.

יאָשקע

אַז ס'איז טרויעריק אויפן האַרצן.

(זאַליעס קול)

רחמיאלקע

וואָס איז דאָס?

לעקערט

ד' זאַליע. לערנט.

יאָשקע

אונזער באַיעוואָי אָטריאַד איז ווערט אַ זעץ אין דר'ערד, איידל גערעדט.

פּייוול

פאָן וואַל האָט אָנגעפּאַקט גאַנץ ווילנע מיט סאָלדאַטן,
מיט שפּיקעס און קאָזאַקן, מיט געווער, — און מיר —
מיר וועלן היינט אפילו נישט באַוואָפנט זיין.

לעקערט

סטייטש?

פּייוול

אַזאַ באַשלוס פון דער אָרגאַניזאַציע.
אונזער אייגענער נאַטשאַלניק איז דערויף באַשטאַנען.

לעקערט

(אויסער זיך)

איסאַק?

פּייוול

ער האָט זיך איינגעשפּאַרט און נישט פון אָרט.
אפילו אוסישקין האָט גאָרנישט געקענט מאַכן.
אוסישקין האָט געוואָלט גראָד אונז באַוואָפענען.

יאָשקע

איסאַק האָט מורא לעצטנס פאַר אַ פליג אויפן וואַנט.

פּייוול

און זאָגסט אים עפּעס—הערסטו גאָר איין ענטפער:
איך וויל קיין בלוט נישט.

לעקערט

און דער גאַנצער קאָמיטעט אַליין?

פּייוול

דער קאָמיטעט וויל, אַז היינטיקע דעמאָנסטראַציע
זאָל זיין אַ פרידלעכע. נו, גוט, נו, גוט.
אפילו אוסישקין האָט איינגעשטימט דערויף.
צי וועט אויך אָבער פרידלעך זיין פאָן וואָל?

יאָשקע

יע, ער וועט פרידלעך זיין — צוויי וועגענער מיט ריטער
געבראַכט האָט ער פון וואַלד. און אויפן הויף פון טורמע
זיי אָנגעגרייט פאַר אונזער הינטער-חלק, איידל גערעדט.

פּייוול

נאַגאַיקעס, שווערדן, ביקסן—דאָס איז פאַר אים ווייניק:
ער וויל נאָך אויפן הוילן לייב אונז פייניקן.

לעקערט

ס'איז דאָך שדים ווייסן וואָס!

רחמיאלקע

איך וועל מאַכן אַן אָפּאָזיציע
און פּאַרטיק.

פּייוול

דו מאַכסט שוין ווידער אָפּאָזיציעס?

רחמיאלקע

איך וועל מאַכן, איכ'ל מאַכן. איך זאָג אייך,
מיט רחמיאלקע בעל-עגלה און מיט יאָשקע בויגער
באַדאַרפן זיי זיך רעכענען אַביסל מער, די אינטעליגענטן!
איכ'ל זיך אַריינכאַפּן אין קאָמיטעט, איך זאָג אייך,
וועל איך אים צעברעכן אַלעביינער—דעם קאָמיטעט.

פּייוול

הער אויף צו שרייען.

יאָשקע

פאָן וואָל וועט אונז צעקאַטעווען אויף טויט היינט.

ר ח מ י א ל ק ע

איך וועל נישט גיין אויף דער דעמאָנסטראַציע אָן מיין שפייער.

פ י י ו ו ל

(גיט אים אַ זעץ אַרונטער)

שוויַיג אַביסל.

(צו לעקערטן) און רחל, זינט זי איז צוזאַמען מיט איסאַקן,
איז אויך געוואָרן אַזאַ טרוס ווי ער.

ל ע ק ע ר ט

רחל מיט איסאַקן?

פ י י ו ו ל

דו ווייסט דען נישט?

ל ע ק ע ר ט

(גייט אַרום איבערן שטוב הין און צוריק אויפגערודערט שטאַרק)
גיי ריכט זיך אויף אַזוינס אין ווילנע.
און איך האָב זיך געיאָגט—געמיינט, אַז איר אין ווילנע
ווער ווייסט ווי וויַיט איר האַלט שוין.

פ י י ו ו ל

האָסט אומזיסט געמיינט. איך קען דיר אָנזאָגן נאָך ערגערס:
אין „בונד" האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַן אומגליק —
די מינסקער מכה, די זובאַטאָווש טשינע.

ל ע ק ע ר ט

וואָס מיינט דאָס? איך פאַרשטיי נישט.

פ י י ו ו ל

האָט נישט געהערט נאָך פון זובאַטאָוון? אַ מינסקער וואָלף.
אַ זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק, מיט אַ מאַסקע פון אַ שעפּס.
ער מאַכט זיך פאַר אַ גאַנצן ראַטעוועה פון אַרבעטער,
אָרגאַניזירט זיי כלומרשט אין פאַראיינען פרייע,
אונטערן שוץ פון אונזער רחמימדיקן צאַר,
און מיינען מיינט ער אין דער אמתן אַן אַנדער זאַך:
פאַרנאַרן אונזערע אַרבעטער אין זאַק אַריין,
מיר זאָלן שלום מאַכן מיט דער בלוטיקער זעלבסטהערשונג,

מיט דער פינצטערניש און מיט דער קנעלטשאַפּט —
נאָר וואָס דען —
מע'ט אונז צוואַרפן אַ גרעסער שטיקל ברויט.

לעקערט

ווי קען דאָס זיין?

פּייוול

מיר דולט זיך, אַז אַפילו איסאַק —

לעקערט

(אויסער זיך)

איסאַק?

(מענדל קומט אַרוים מיט זיינע עמער)

מענדל

(האַסטיק מיט גרויס פרייד)

הירשקע!

לעקערט

(לאָזט זיך צו אים אַ צעטומלטער)

וואָס מאַכסטו, מענדל? (נעמט אים אַרום)

מענדל

(כאַפּט לעקערטס הענט)

גוט, הירשקע. לאָמיך דיר אַ קוש טאָן. (כאַפּט אים אַרום און קושט אים.)

לעקערט

טראָגסט נאָך וואַסער, האַ?

מענדל

אַוודאי.

לעקערט

און וואָס מאַכט דער טאַטע?

מענדל

הערסט דאָך — ער לערנט.

לעקערט

נאָך אַלץ אַ בייזער טאַטע?

מ ע נ ד ל

אַוודאי. (לאַכט ברייט) איך ווייס ווו דו ביסט געווען. — אין אָסטראָג.

ל ע ק ע ר ט

און האָסט נישט מורא פאַר מיר?

מ ע נ ד ל

ניין, איך האָב דיך האָלט דערפאַר.

(אַלע לאַכן)

ל ע ק ע ר ט

פונדעסטוועגן דערצייל קיינעם נישט וועגן מיר.

מ ע נ ד ל

חיות נישט זיכער. (לאָזט זיך גיין)

וועסט מיך מיטנעמען אין וואַלד, הירשקע?

ל ע ק ע ר ט

אין וועלכן וואַלד?

מ ע נ ד ל

אויף אַ סאָבראַניע. (צו אַלע. וואָס לאַכן) וואָס לאַכט איר?

אָט הירשקע לאַכט נישט פון מיר.

ער איז געווען אין אָסטראָג — דעריבער לאַכט ער נישט פון מיר.

פ י י וו ל

ער רעדט דאָך ווי אַ מענטש.

מ ע נ ד ל

(אַ טופּ מיטן פוס)

איך בין אַ מענטש, איך ווייס אַלץ.

היינט וועט זיין אַ דעמאָנסטראַציע.

דער רוצח האָט שוין געפירט צוויי וועגענער מיט ריטער.

אַ פינצטערער יאָר.

ז אַ ל י ע

(אין טיר)

גיי שוין! (מענדל אָפּ, זאַליע, שטייענדיק אין טיר, באַטראַכט

לאעמען, לאָזט זיך פּלוצלינג צו לעקערטן און שטרעקט אויס די האַנט) שלום עליכם, אַן אורח.

לעקערט

(פאַרלוירן, דערלאַנגט אויך זיין האַנט)

עליכם שלום! וואָס מאַכט איר, ר' זאַליע?

זאַליע

(ענטפערט נישט, ציט צוריק די האַנט, לאָזט זיך גיין צו זיך, אין טיר בלייבט ער שטיין און קערט זיך אום מיטן פּנים צו לעקערטן) וואָס זאָל איך מאַכן?—מיין קעמערל איז דאָך נישט קיין אָסטראָג.

(פאַרהאַקט די טיר און גלייך דערהערט זיך פון דאָרט א שאַרפער צייַנערדיקער גמרא-ניגון, אלע קוקן זיך אום פאַרחידושט.)

פייוול

א מאָדנער ייד אַזאַ.

ווייב

(האָט דערווייל געגרייט צום טיש, געבראַכט א טאָפּ קאַר-טאָפל און אַריינגעשאָטן אין שיסל)

לעקערט

איך וועל איצט נישט עסן, איך מוז אַוועקגיין.

(חברה שטייט שוין ביים טיר, אלטע הויבט זיך אויף)

ווייב

אָבער עס אָפּ אַפריער.

לעקערט

(ביים טיר)

וואַרט נישט אויף מיר. עסט.

מאַמע

הירשל!

לעקערט

איך מוז גיין. (אָפּ. אלטע פאַלט אַנידער צוריק. ווייב זיצט ווי א געבראָכענע. טיש אליין. פאַרע פון די קאַרטאָפל הויבט זיך.)

(פאָרהאַנג)

בילד צוויי

(אַ צימער פון רחל און איסאַק. מיט געשמאַק צוגעקליבן. איסאַק אין סטודענטישע קליידער, רייזל, וועלפקע און אוסישקין שטייען אָנגעלאָדענע, אַמפּערן זיך מיט איסאַקן, וועלכער שטייט אַנטקעגן זיי און בייסט זיך די נעגל פּאַר כּעס. רחל שפּאַנט אַרום הין און צוריק, האַלב אָנטיילנעמענדיק אין געשפּרעך, האַלב מיט זיך).

אוסישקין

(אַ געוועזענער ישיבה־בחור. איצט אַוועק אין פּאָלק. שלעפּט זיך אַרום מיט אַ פּאַק ביכלעך צום פאַרקויפן. אָנגעטון אין צעריסענע קליידער. אויף די אַקסלען אַ קויש מיט ביכלעך. אַ מענטש אַ התפּעלותדיקער, אַן אָפּגעלאָזענער. הוסט אונטער. מיטגליד פון קאָמיטעט.)

דיין כּעס קליידט דיר נישט.

איסאַק

ער קליידט מיר מער ווי דיר אָט־די מלבושים,
די טראַנטעס, וואָס דו שלעפּסט אויף זיך אַרויף,
און די מעשה־ביכלעך, וואָס דו טראָגסט אַרום —
שטותרייען נאָר פאַר דינסטמיידלעך.

רייזל

וואָס האָט איר צו די דינסטמיידלעך?

רחל

גענוג שוין, כ'לעבן.

אוסישקין

פאַרוואָס עפּעס שטותרייען. האַ? (שלעפּט ביכלעך פון קויש.)

„די לערע פון לעבן" פון לונקעוויטש,
„דער זיידע-צייט", „די שטריימל", „באָנצע שווייג"—
דאָס זענען נישט קיין מעשה-ביכלעך, ברודער.
און וועגן זיך און מיינע טראַנטעס—אַן אַנדערש מאָל.
צי, אפשר, קיינמאָל נישט. כ'האָב פיינט פון זיך צו ריידן.
אין דער טיפעניש פון אָרים פאָלק געפין איך אַלץ, אַלץ.
און זיך—פאַרגעס איך. אַלץ איינס—צי אין דער ישיבה אַמאָל.
צי איצט אין „בונד".
און דו מעגסט אויך אַביסעלע אָן זי ןפאַרגעסן.
אין כעס ביסטו—הערסטו שוין נישט וואָס דו רעדסט.
און איך בין נישט אין כעס, ערשטער מאָי איז היינט. —
איך וויל מיין יום-טובדיקייט נישט צשטערן.

איסאַק

איך בין יום-טובדיק אַזוי-ווי דו.

וועלפקע

דער זייגער איז שוין פינף, און זיבן דאַרף זיך אָנהייבן די דעמאָנסטראַציע. קומט.

רייזל

(מיט קלעמונג)

פון חבר איסאַקן אַזוינע רייד צו הערן.

רחל

מיין טייערע, גענוג זאָל זיין.

איסאַק

(בייז צו רחלען)

נישט גענוג!

רייזל

(מיט טרערן)

ער פייניקט אונז דעם גאַנצן טאָג אַזוי.

וועלפקע

אָנשטאָט צו שטאַרקן אונזער מוט.

אוסישקין

(אויסער זיך, צו רחלען)

ער ווערט פאר מיר א רעטעניש אן אמתע.
ער רעדט אזוינע מאָדנע רייד. אזוי ווי אויף צו להכעיס.

איסאַק

דו ווייסט, אַז נישט צו להכעיס. איר אַלע ווייסט פאַרוואָס.
איך בין קעגן דער היינטיקער דעמאָנסטראַציע.

רייזל

ס'איז דאָך באַשלאָסן. דער קאָמיטעט רופט.

וועלפקע

און מיר ווילן גיין מיט שמחה.
איצט האָט איר נישט קיין רעכט צו זיין קעגן.

איסאַק

רעכט האָב איך אייביק.

אוסישקין

ניין, נישט אייביק.
די חברים וועלפקע און רייזל קענען נאָך מיינען גאָט ווייס וואָס.

איסאַק

איך וויל טאַקע זיי זאָלן וויסן. זיי—די בעסטע פון דער מאַסע.
זיי מעגן אַ טראַכט טון, נישקשה.

רייזל

אָט האַלטן מיר פראָקלאַמאַציעס אַ פּאַק,
וואָס אוסישקין אַליין האָט אונז פאַרטרויט,
אין אָוונט אויף דער דעמאָנסטראַציע צו פאַרשפּרייטן, —
טאָ צו־וואָס אונז לייגן שטיינער אויפן האַרצן?

איסאַק

ווייל זיי זענען דאָ די שטיינער, זיי זענען דאָ.

אוסישקין

מיר ווייסן. שוין צופיל ווייסן מיר דעם טעם פון פאַן וואַל.
קאָזאַקן, טורמע און סיביר,—דערפאַר טאַקע —

וועלפקע

מיר זענען גרייט.

איסאַק

איך זאָג אייך: ווילנע וועט פאַרגאָסן ווערן היינט מיט בלוט.

אוסישקין

ווילנע איז שוין פאַרגאָסן.

איסאַק

דעמאָנסטראַציע איז נישט אַלץ נאָך.

אוסישקין

מיר האָבן קיינמאָל זיך נישט אָפּגעשטעלט
נישט פאַר קיין ביקס און נישט פאַר טורמע.
איך הער די רייד דיינע, איך וואונדער זיך, איסאַק.
אין „בונד" האָב איך אַזוינע ווערטער נישט געהערט נאָך.

רייזל

אוי, מיין גאָט, מיין גאָט

אוסישקין

צי דאַרף איך דיר דערציילן, ווי פאָן וואַל
האָט אונז אַריינגעקלאַמערט צום דערווערגן?
אונזערע בעסטע ליגן אין די טורמעס.
די מאַסע איז פול מיט אומצוטרוי און יאוש.
און אַ ליאַדע שפּיאָן און מסור, צי אַ זובאַטאָוועץ
קען קומען און געווינען אַלע הערצער.
און די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג קומט אום פון רדיפות.
און אַלע האַלטן אין איין פרעגן: פאַרוואָס שווייגן מיר?

איסאַק

נו, פרעגט מען.

אוסישקין

און אַלע מיינען שוין: אויס, געשטאָרבן דער „בונד"
און געשטאָרבן אויך דער פרווו אונזערער צו שאַפן ברודערשאַפט
צווישן אונז און די פוילישע און ליטווישע אַרבעטער.
היינט איז דער טאָג צו וואָרענען פאָן וואַלן

און צו ווייזן אים אונזער אחדות.

איסאַק

די פוילישע און די ליטווישע אַרבעטער וועלן נישט קומען.

וועלפקע

וואָס הייסט? זיי וועלן קומען.

רייזל

נאָר איר מאַכט אונז שווער.

איסאַק

זיי וועלן נישט קומען.
און אַז מיר לעבן, ווייס פאָן וואָס —
פאַר וועמען דען האָט ער אָנגעגרייט די ריטער?

אוסישקין

דו ווילסט, איך זאָל דיר ענטפערן שאַרף?

איסאַק

ענטפער.

אוסישקין

איך שאַנעווע אונזער חברשאַפט.

(גיט זיך א לאָז צום טיר אַן אומגליקלעכער)

רחל

(פארלויפט אים דעם וועג)

איך בעט אייך.

אוסישקין

(מיט א קלעמענדיקן קול)

דו רעדסט מיר פון געדולד, פון איינגעהאַלטנקייט.
פון וואַנען ווייסטו, ווען מען דאַרף געדולדיק זיין,
און ווען מען דאַרף זיך איילן?
ווען מען מעג אויף דעמאָנסטראַציעס פירן מאַסן,
און ווען מען טאָר נישט?
און ווען מען דאַרף פאַר אַ ווילדן גובערנאַטאָר מורא האָבן
און ווען דאַרף מען נישט?

איסאַק

איך הער זיך צו צו זיך. און דעמאָלט ווייס איך.

א ו ס י ש ק י ן

צו זיך ? ווער ביסטו, אַז דער גורל פון אַסאַך
זאָל זיין אָפּהענגיק פון דיינע שטימונגען ? דו זאָג מיר קלאָר:
האָסט מורא היינט פאַר בלוט.
און וואָס וועט מאָרגן זיין און איבערמאָרגן ?
צי בלוט וועט מאָרגן ווערן וואַסער ?
דו זאָג מיר קלאָר: דו האָסט אַן אַנדער וועג ?

א י ס אַ ק

(שווייגט)

א ו ס י ש ק י ן

ענטפער! (אָנגעשטרענגטע פויזע)
און צו וואָס די גאַנצע רייד ?
באַשלוס פון דער אָרגאַניזאַציע איז הייליק,
און באַשלוס פון דער גאַנצער מאַסע — נאָך הייליקער,
די אַרבעטער אונזערע — זיי חקירהן נישט:
זיי זענען שטענדיק גרייט.

ר י י ז ל

גאַנצע נאַכט געזעסן, אויסגעגנייט די פאָנען.
איך און רחל.
אַריינגעגנייט אין זיי — וואָס נישט ? אַלץ.
דער טאָג זאָל קומען די פאָנען צו פונאַנדערוויקלען
איבער קעפּ.
נו, דער טאָג איז געקומען.
און וועלפּקע, אונזער פאָנענטרעגער, שטייט אַן אומעטיקער,
און מיר לעבן אים שטייען און וויינען,
אַזוי ווי די פאָנען וואָלטן שוין געלעגן טויט.
(טוליעט זיך צו רחלען און וויינט)

ר ח ל

געבוג צו אַמפּערן זיך, אוסישקין, גייט נישט אַוועק.
מיר וועלן מאַכן טיי. איר ווילט דאָך עסן אויך מסתמא.

א ו ס י ש ק י ן

איך בלייב נישט.

ר ח ל

איר זייט געוויס הונגעריק. איך ווייס דאָך. און איר הוסט.

א ו ס י ש ק י ן

נישקשה. בלוט פאַרגיסן טאָרן מיר נישט אין ערשטן מאַי.
אָבער הונגערן און הוסטן מעגן מיר אין ערשטן מאַי אויך.

ר ח ל

נו, אוסישקין.

ו ו ע ל פ ק ע

איך ווייס טאַקע נישט צו וואָס די מחלוקת?
מען דאַרף גיין אויף דער דעמאָנסטראַציע און פאַרטיק.
מען דאַרף טראָגן די פאָן און האַלטן זי שטאַרק.
מער גאָרנישט.

א ו ס י ש ק י ן

(קלאַפּט וועלפּקען איבערן פּלייצע)

יע, יע. מער גאָרנישט. קומט. (אָפּ. רייזל און וועלפקע נאָך אים.
איסאַק גיט אַ פאַל אויף אַ דיוואַן מיטן פנים אַראָפּ.)

ר ח ל

וואָס איז מיט דיר?

א י ס אַ ק

לאָז מיך.

ר ח ל

איך האָב זיך איינגעהאַלטן נישט אַריינצומישן זיך,
אָבער —

א י ס אַ ק

איך וועל משוגע ווערן היינט.

ר ח ל

(גלעט אים איבערן קאָפּ)

איסאַק —

א י ס אַ ק

איך בין פול מיט ספקות. איך ווער צעפּייניקט.

ר ח ל

דערציייל. פאַר מיר מעגסטו דאָך דערציילן אַלץ.

א י ס אַ ק

איך פֿאַרליר מײַן קאָפּ.

ר ח ל

ווי קומט צו דיר אַזאַ פֿאַרפּלייצונג?

וואָס מיטאַמאָל אַזוי?

א י ס אַ ק

נישט מיטאַמאָל. שוין לאַנג, שוין לאַנג, אַז עס עסט מיך.

איך האָב געשוויגן, נישט געוואָלט דיר זאָגן.

געמיינט, אַז ס'וועט איבערגיין.

ר ח ל

ביסט צופֿיל אָנגעשטרענגט. נישט אויסגעשלאָפֿן.

א י ס אַ ק

ניין, נישט דאָס. עפּעס אַנדערש.

(ציטערט מיטן גאַנצן גוף.)

היינטיקער אָוונט. היינטיקער אָוונט.

ר ח ל

זע, ווי די הענט ציטערן דיר.

א י ס אַ ק

אַלץ אין מיר ווערט איבערגעקערט.

איך ווייס, ס'איז מיאוס, ס'איז נישט ערלעך,

צו דאַרפֿן אָנהאַלטן ביי אַנדערע מוט,

און אַליין אין האַרצן טראָגן ספֿקות. — ס'איז דאָך שרעקלעך.

ר ח ל

טאַקע שרעקלעך.

א י ס אַ ק

פֿירער — ווער האָט אונדז געגעבן דאָס רעכט אויף דעם, האַ?

ר ח ל

צום גליק זענען ביי אונדז דאָ אַנדערע פֿירער,

וואָס עסן זיך נישט אויף אַזוי ווי דו. אָט — אוסישקין.

א י ס אַ ק

עס מוז זיין ערגעץ אַן אַנדער אמת.

רחל

אָבער פריער פון אַלץ דאַרף זיין געזונטע שטימונג.

איסאַק

(אויסער זיך)

און איך בין, הייסט דאָס, קראַנק?

און דו ביסט זיכער, אַז מען דאַרף די דעמאָנסטראַציע היינט?

רחל

(מיט געהיין)

אָדער מען דאַרף זי היינט, אָדער מען דאַרף זי קיינמאָל נישט.

(א קלאַפּ אין טיר. רחל עפנט. עס קומט אריין לע-
קערט. רחל צעטומלט זיך אין אָנהויב. אָבער פאַר-
כאַפּט זיך גלייך, שטרעקט אוים די הענט מיט גרויס
פרייד.)

רחל

לעקערט! סאַראַ גאַסט! זע, איסאַק, ווער ס'איז געקומען!

איסאַק

אָ! (דריקט לעקערטס האַנט)

לעקערט

(שטייט אין טיר האַלב פאַרשעמט, האַלב דערשראָקן)

רחל

(כאַפּט אים אַרום)

לעקערט טייערער, וואָס שטייט איר ביים טיר? קומט אַריין. אַזאַ ליבער גאַסט. (ווייסט נישט וואָס צו טון פון גרויס פרייד. ציט אים טיפער אין צימער אריין. לעקערט שטייט שווער און אומבאַהאָלפן, קוקט דורך די ברעמען. שאַרט זיך צוריק צום טיר.)

איסאַק

וואָס, איר גייט שוין צוריק?

לעקערט

(שטאַמלט)

איך'ל קומען אַן אַנדערש מאָל.

רחל

וואָס הייסט?

לעקערט

נו, גוט. זאָל זיין. (זעצט זיך אויף אַ ברעג פון אַ שטול)

רחל

איך וויל דאָך הערן פון אייך אַזוי פיל, אַזוי פיל.
איסאַק, זע ווי ער האָט זיך עס געענדערט אַביסל —
אַוועקגעזעצט זיך און שווייגט.

לעקערט

(נאָך אַ שווערער פּויזע שטעלט זיך אויף)

איך בין נישט געקומען צו גאַסט צו אייך.

רחל

וואָס רעדט איר?

לעקערט

איך וויל וויסן, צי ס'איז אמת.

רחל

וואָס?

לעקערט

איר ווילט נישט די רעוואָלוציע.

רחל

וואָס רעדט איר?

לעקערט

(נעמט זיך אָן מיט מוט)

איך בין געקומען זאָגן אייך, אַז מיר געפעלט נישט —

רחל

וועגן וואָס רעדט איר?

לעקערט

איך ווייס שוין אַלץ, ווייס איך.

רחל

וואָס ווייסט איר?

לעקערט

אַסך זאַכן געפעלן מיר נישט. און וואָס דער באַיעוואָי אָטריאַד
וועט נישט זיין באַוואָפנט היינט געפעלט מיר אַוודאי נישט.

א י ס אַ ק

(שיסט אַרויס אַ געלעכטער)

ל עקערט

(אָנגעצונדן)

וואָס לאַכט איר?

א י ס אַ ק

ווען זייט איר אָנגעקומען אין ווילנע?

ל עקערט

וואָס איז דער חילוק? און אַז נעכטן?

א י ס אַ ק

(אויך בייז)

ווער האָט אייך געשיקט געבן עצות?

ל עקערט

קום איך נישט געשיקטערהייט.

א י ס אַ ק

אַ שיינע מעשה, כ'לעבן. וואָס זאָגסטו, רחל, —
יעדער פון דער מאַסע וועט קומען זאָגן דעות.

ל עקערט

יעדער מעג קומען און זאָגן דעם אמת.

א י ס אַ ק

וועלכן אמת?

ל עקערט

וועלכן? ס'איז דאָ איין אמת.

א י ס אַ ק

נישט אַנדערש, אַז איך זע אַ חלום.

ל עקערט

דער באָיעוואָי אָטריאַד דאַרף זיין באַוואָפנט היינט!
מיט דער צאַרישער רעגירונג דאַרף מען קעמפן מיט געווער!

א י ס אַ ק

וואָס רעדט איר מיט אַזאַ טאָן? ווער זייט איר?

ל עקערט

די מאַסע.

איסאַק

ס׳איז דאָך ווונדערבאַר, רחל. הער נאָר —

(אָפּ פון צימער מיט האסט. לעקערט נאָך אים ווי אויך גלייך ארויסגיין. רחל פארשטעלט אים דעם וועג.)

רחל

איך וויל, אַז איר זאָלט דאָ נאָך בלייבן אויף אַפּאָר מינוט.

לעקערט

איך האָב נישט קיין צייט. איך דאַרף גיין צו דער דעמאָנסטראַציע.

רחל

ס׳איז נאָך דאָ צייט. מיר וועלן גיין צוזאַמען, אַז איר ווילט.

לעקערט

(שטייט ביים טיר און קוקט אויף איר שארף)

עפּעס ביי אַלעמען זענען היינט פאַרוויינט די אויגן.

רחל

ווי קומט עס אַ מענטש אַריין נאָך צוויי יאָר נישט זען זיך מיט אַזאַ ברוך־הבא?

לעקערט

אַז איך בין נישט געקומען צו גאַסט.

רחל

(נעמט אים פאר א האנט)

נו, ליבער לעקערט, מען דאַרף נישט אַזוי.

זאָל זיך דוכטן, אַז איר זייט אַריינגעקומען צו מיר אַליין.

(זי פירט אים און זעצט אים אויף א שטול.)

איר זייט אַנטלאָפן פון קאַטערינאָסלאַוו?

לעקערט

(אומגערן)

וואָס מאַכט עס אויס?

רחל

(זעצט זיך אים אנטקעגן)

קיין בריוול אפילו נישט צוגעשיקט קיינמאָל.

לעקערט

איך קען נישט שרייבן, איר ווייסט דאָך.

ר ח ל

אין טורמע איז אַן אָרט צו אויסלערנען זיך.

לעקערט

נו, אַ דאגה.

ר ח ל

וועלן מיר עס איצטער קענען טון, יע?
איר וועט ווערן אַ מיטגליד אין מיין קרייזל.

לעקערט

ניין.

ר ח ל

פאַרוואָס?

לעקערט

(שווייגט)

ר ח ל

נו גיט אַ שמייכל. איך געדענק דאָך אייער פיינעם שמייכל.
איר פלעגט שיין אַזוי און פראָסט אַ זאָג טון:
איך האָב אייך האָלט, רחל, —
צי איר האָט מיך שוין נישט ליב?

לעקערט

און צו יע?
אַ נאַש בראַט איצטער טאָר זיך מער נישט נאָכגעבן אַזוינע זאַכן.

ר ח ל

וועלכע זאַכן?

לעקערט

אָט — דאָס ליבעניש.
ביי אַ נאַש בראַט דאַרף דער קאָפּ זיין קלאָר.
צו אייך וועל איך נישט גיין. ניין!

ר ח ל

די טורמע האָט עס אייך אויסגעלערנט?

לעקערט

יע.

ר ח ל

(שמיפעריש)

און איר האָט גאָרנישט געבענקט נאָך מיר?

ל ע ק ע ר ט

(שטאַמלט)

יע געבענקט, נישט געבענקט —

וואָס איז דער חילוק? (שמעלט זיך אויף אָנגעכמורעט)

די רעוואָלוציע, זע איך, ווילט איר נישט מאַכן.

ר ח ל

(קוקט אים אָן)

וואָס מיינט איר?

ל ע ק ע ר ט

איר איילט זיך נישט, זע איך, מיט דער רעוואָלוציע.

ר ח ל

(לאַכט)

עס ווענדט זיך דען אָן אונז?

ל ע ק ע ר ט.

אָן ווּעמען דען?

ר ח ל

געדולד, מיין ליבער, מען דאַרף וואַרטן.

ל ע ק ע ר ט

איסאַק, איר און אַלע —

ווי טשערעפּאַכעס קריכט איר.

דער ראַבאָטשי נאַראָד קען נישט וואַרטן.

ר ח ל

איר זייט וווּנדערבאַר. אַ גרויס קינד.

אָבער בייז זיין דאַרף מען נישט.

ל ע ק ע ר ט

איך בין נישט בייז.

ר ח ל

איז פיין.

לעקערט

זען איך האָב איך טאַקע געוואָלט. ס׳איז אמת.
נאָר מאַלע, וואָס איך האָב געוואָלט. איך זאָג דאָך:
אַ נאַש בראַט דאַרף נישט צעקראַכן ווערן אין זיפּצעניש.
האָסט אַ קעלער—ווייס דיין פּלאַץ אין דר׳ערד אַריין.

רחל

וואָס רעדט איר?

לעקערט

האָסט אַ ווייב, וואָס קוקט מיט געשחטענע אויגן,
און אַ מאַמע, וואָס פאַרוויינט דאָס לעבן. נו, איז וואָס?
צו אייך וועל איך נישט קומען מער.
נישט מיין גלייכן זייט איר.

רחל

איך האָב אייך ליב ווי אַ וואונדערבאַרן חבר.

לעקערט

אָ! אונזערער אַ ברודער דאַרף צו נויפּנעמען זיינע פויסטן אָט־אַזוי־אַ—
—און זיך אַליין איבערן קאָפּ אַ כמאַל.

רחל

ס׳איז אייך נישט גוט? וואָס הערט זיך ביי אייך אין שטוב?
ווי קומט איר אויס מיט אייער פרוי? — זאָגט מיר.

לעקערט

וואָס הייסט, ווי קום איך אויס? זי איז אַ גוטער מענטש.
איצט זע איך דאָס. זי ליידט. זי שווייגט. אין קעלער.
איר מיינט, אַז איך האָב פיינט מיין פרוי?

רחל

איך מיין נישט.

לעקערט

זי וועט מיר געבוירן אַ קינד. אין קעלער.
און ווו וועל איך זיין דעמאָלט?

רחל

ווו זאָלט איר זיין?

לעקערט

(מיט אלץ װאקסנדיקער מאָדנער דערקענטעניש װעגן זיך)

יע. יע.—װאָס הייסט? װאָס מיינט איר?
אַזוינע יסורים ליידן זיי צוליב מיר. —
און די גאַנצע װעלט ליידט. —
די גאַנצע װעלט ליגט אין קעלער. —
און איך בין אַ שטיק פּאָדעשװע, װאָס?
ס׳איז נישט דאָס, חברטע רחל, נישט דאָס.

רחל

בו רעדט, רעדט!

לעקערט

און אַז אַ שטיק רויע פּאָדעשװע —
באַדאַרף מען זי דאָך אויך אַפריער אַרומװאַשן און אויסקלאַפּן גוט.
און אַ מענטשן אַװדאי, יע.
און אַז געזעסן שוין אין טורמע—איז װאָס?
אַ פּאָליטישער איז שוין אַ יחוס, האַ?
װאָס פאַר אַ באַטרעף און װאָס פאַר אַ נוצן פון מיר, האַ?
מען דאַרף זיין ריין. מען דאַרף זיך אַליין אויסקויפּן

רחל

איר זייט אַ ריינער מענטש.

לעקערט

ניין, ניין, איך װייס בעסער.
אַ גאַנץ לעבן געװען אַ מיאוסער מענטש.
איך האָב איבערגעטראַכט אַלצדינג אין טורמע.
ס׳איז גוט געװען די טורמע פאַר מיר.
איצט װייס איך, אַז—אַז—איר פאַרשטייט-
װאָס בין איך געװען? אַ שלעגער. לייכטע הענט געהאַט.
מיטן היטעלע אָן אַ זייט אַרומגעשמאַיעט.
און איצט—װאָס?—װידער שלעגער זיין, האַ?
באַכלויפן װידער נאָך אַ שפּיק אַ װרעד, און מער גאָרנישט —
כמאַליעװען, גרויסע קולאַקעס האָבן? ניין, ניין.
איצט װייס איך, אַז—מיטן גאַנצן לעבן דאַרף מען,

מיט דער נשמה. אָפּגעבן דעם קאָפּ.-טאַקע אָפּגעבן!
מען זאָל אים אַוועקלייגן אויף אַ פּלאַכטע, זאָל מען אים.
זאָל מען נישט מיינען—אַז ס'איז עפּעס אַזוי אַ טענצל.
ווייל—אַז נישט—צו וואָס האַלטן מענטשן אין אַ קעלער?
איר פאַרשטייט? טאַקע אָפּגעבן אַלץ. אַלץ...

רחל

(כאַפּט אַרום זיין האַלז, קוקט אים אין די אויגן)
לעקערט, לעקערט.

לעקערט

איר פאַרשטייט? דו ליגסט אויפן בעטל אין טורמע ביינאַכט.
און מיטאַמאָל הערסטו אַ קול אַזאַ: פראָשטשאַי!

(פון דרויסן דערטראָגט זיך געפייקל פון אַ באַראַבאַן)
דאָס גייט פאָן וואָס אונז באַגעגענען.

רחל

(טוליעט זיך צו אים מיט שרעק)
וואָס וועט דאָס זיין היינט?

לעקערט

(באַזיימיקט זי פון זיך)
איר האָט מורא? און איך גיי מיט פרייד אַנטקעגן. (אָפּ)

(פאָרהאַנג)

בילד דריי

(ווילנער שולהויף. ארויסגאנגען צו עטלעכע זייטן, פּאַרנאַכט. זון ביים פאַרגיין. מען זעט נישט קיין עולם, וואָס זאָל גיין צו מנחה. נאָר ווען-נישט-ווען שלייכט זיך דורך אַ ייד. ווערט נישט אין אַ טיר ערגעץ. צוויי אָרימעלייט שטייען אויף אַ טרעפּל פון א שול. אַ בלינדער און זיין פירער).

בלינדער

ווו זענען דאָס אַלע יידן היינט? אַ קלאָג צו זיי.

פירער

דו ווייסט דאָך.

בלינדער

וואָס טויג מיר דאָס וויסן! אַפילו קיין אָרימעלייט זעט מען נישט?

פירער

מען זעט נישט.

בלינדער

נאַ דיר גאָר אַן ערשטן מאַי אויף אונזער קאָפּ.
ציציליסטן, אַ קלאָג צו זיי.
טאַקע אַלע קלייטן צוגעשלאָסן, האַ?
ווען וועט זיך עס אָנהויבן?

פירער

באַלד מסתמא.

בלינדער

אָבער צו מנחה, צו מנחה פאַרוואָס קומט מען נישט?

פירער

מען ציטערט אויפן גאַס אַרויסצוגיין. קאָזאַקן פול.

בלינדער

אַ קלאָג צו זיי.
מען נעמט און מען פאַרטרייבט אונז אַלע יידן פון מנחה.
קיין פערציקער אַפילו נישט געמאַכט נאָך היינט.
אין מיטן מיטוואָך פראַוועך זיי זיך זאַבאַסטאָווקעס, אַ קלאָג צו זיי.
מיט רויטע פאָנען אַנטקעגן דעם קייסער,
און שרייען מי-שברכס אויף זייער לשון,
זיי האָבן דאָך אַן אייגענעם לשון, אַ קלאָג צו זיי —
האָסט געזען שוין אַ רויטע פאָן?

פירער

ווי קום איך?

בלינדער

וועט דאָך אַוודאי זיין אַ גרויס געשלעג —

פירער

ער וועט זיי געבן אַ ריכטיקע באָד, דער גובערנאַטאָר.

בלינדער

אַ קלאָג צו אים.

פירער

ש-ש...

בלינדער

אַז מיך אַרט נישט, אַז ס'איז דאָ אַ קייסער, אַרט מיך נישט.
אָבער מנחה—מנחה—

פירער

צוויי וועגענער מיט ריטער האָט ער אָנגעגרייט פאַר זיי.
וועלן זיי שוין פאַרזוכן דעם טעם אויפן ריכטיקן חלק.
(עס זענען אַרויסגעקומען פון ערגעץ לעקערט, פייוול און רייזל)

לעקערט

(האָט געכאַפּט די לעצטע ווערטער)
בייסט אייך בעסער אָפּ די צונג די נאַרישע.

בלינדער

אוי, אַ קלאָג צו מיר, ווער איז דאָ?

פייוול

יאָלדאַקעס!

לעקערט

ווו האָט איר עס געהערט אַזוינס?

פירער

מען רעדט—הערן מיר. וואָס ווייסן מיר?

לעקערט

קענסט עברי?

פירער

אַ ייד קען עברי.—ווי דען?

לעקערט

נאַ, לייען, וועסטו וויסן וועמען מען דאַרף שעלטן. (דערלאַנגט אים אַ פּראָקלאַמאַציע)

בלינדער

וואָס גיט ער דיר, האַ? נעם נישט.

פירער

(נעמט. קוקט אַריין. זיינע הענט הויבן אָן ציטערן)

אוי, נעם עס צו, נעם עס צו, איך האָב מורא, מ׳עט מיך אין קייטן שמידן.

רייזל

זאָלן זיי גיין.

פירער

(באַפּט דעם בלינדן)

קום אַוועק, משה. ס׳איז פון זייערע. מ׳עט אונז אין סיביר אַוועקשיקן.

בלינדער

אוי, אַ קלאָג צו מיר.

(ביידע אין שרעק אָפּ)

(אַפּאָר יידן לויפן דורך איילנדיק און פאַרשווינדן אין אַ טיר אַריין.)

פ י י ו ו ל

זע, ווי מען גנבעט זיך עס, ווי מען האָט מורא.

ר י י ז ל

צו וואָס זיי באַלקוקן? זיי גייען אין שול, זאָלן זיי גיין. אָט האָב איך ס׳פּעקל, הירשקע. (גיט אים איבער אַ פּאַק מיט פּראָקלאַמאַציעס)

ל ע ק ע ר ט

(נעמט)

גוט. גוט.

ר י י ז ל

מיר וועלן מאַכן אַזאַ פיינעם שניי
איבערן טעאַטער שפּעטער —
דערווייל באַהאַלט דאָס ערגעץ.

פ י י ו ו ל

דיין שפּייער האָסטו?

ל ע ק ע ר ט

יע.

ר י י ז ל

איר פאָלגט נישט דעם באַשלוס פון דער אָרגאַניזאַציע?

פ י י ו ו ל

מיר וועלן נישט שיסן. נאָר מאַלע וואָס עס מאַכט זיך.
און מיר דאַרפן דאָך אויפן פּאָנענטערעגער אַכטונג געבן.

ר י י ז ל

נישט גוט אַזוי, הירשקע —

ל ע ק ע ר ט

ביסט גערעכט. אָבער דער באַשלוס איז דאָך אַ שרעקלעכער.

ר י י ז ל

טאָ זייט כאָטש פאָרזיכטיק.
אָט-דאָ וועלן מיר זיך שפּעטער טרעפן. (אָפּ)

(עס הויבן זיך אָן באַווייזן אַביסל מער יידן, וואָס קומען צו מנחה. פּערסטנס אַזוינע, וואָס פילן זיך תקיף ביי זיך. בכבודיקע, זיכערע. פון ערגעץ אַ טרעפּל קריכט אַרויס

מענדל מיט זײַנע עמער אויף די אַקסלען. הוידעט זיך איבערן הויף, דערזעט לעקערטן, גייט אים אַנטקעגן מיט אַ צעגאַסענעם שמייכל)

מענדל

(קומט צו)

נעם מיך אויף דער דעמאָנסטראַציע, הירשקע.

לעקערט

האָסט נישט מורא?

מענדל

מענדל האָט נישט מורא.

לעקערט

נאַ, קענסט דאָך לייענען. (גיט אים אַ בלעטל)

מענדל

(כאַפּט עס מיט פרייד)

אַוודאי. אָהאָ. אַ דאַנק דיר, הירשקע.

לעקערט

באַהאַלט.

מענדל

איך ווייס. איך ווייס. (שפּאַרט אין בוזעם) ביי מיר וועט מען שוין נישט געפינען. איך האָב נישט מורא פאַר ווילנע.

לעקערט

אַ וואָרף טון אַפּאָר בלעטלעך איבערן שולהויף, האַ?

פייוול

מיר טאָרן דאָס נישט טון. מ׳האָט אונז נישט געהייסן.

לעקערט

נאָר אַ צוויי בלעטלעך.

(שפּאַרט אַפּאָר בלעטלעך אין די הענט פון די דורכגייענדיקע יידן. ס׳הערט אַ שטיקל בהלה. מ׳אַנטלויפט. אַפּאָר, פאַרקערט, גיבן זיך אַ לאָז און פאַרלויפן דעם וועג לעקערטן מיט פייוולען. דאָס זענען די יידן, די זיכערע, וואָס האָבן קיין מורא נישט, אַז מען וועט זיי אין וואָס חושד זיין. אַנדערע נעמען די בלעטלעך, קוקן אַריין און גיבן עס אַ שמיץ צוריק. אייניקע

נעמען עס צו מיט זיך און פארשווינדן. מענדל שטייט און קוקט זיך צו און קוועלט.)

ערשטער

עוכרי־ישראל. ברענגען אומגליק אויף יידן.

צווייטער

זענען אייך ווייניק די גאַסן?

ערשטער

דירט זיך נישט צו צו דעם. ס'איז טרייף

דריטער

נישקשה, מען מעג אַריינקוקן וואָס שטייט געשריבן דאָ.

ערשטער

צוליב אייך ליידן מיר.

פייוול

נו, לויפט צום גובערנאַטאָר, חנפעט אים, דעם תלין.

צווייטער

ווילנע ווערט חרוב.

דריטער

לייענט אויף טשיקאַוועסט. אַ לשון, זאָג איך אייך,—פלאַם פייער.

ערשטער

פע. פסול. מיט די פיס צעטרעטן.

(טרעט מיט די פיס)

לעקערט

(בלייך)

טרעט נישט.

ערשטער

ווילסט זיך אפשר שלאָגן?

לעקערט

איר שלאָגט דאָך —

צווייטער

מיר האָבן אַ קליין ווינקעלע פאַר זיך—אַ שולהויף.
איז נעמט איר אים אויך אַוועק פון אונז.

דריטער

נישט רעכט, יידן, נישט רעכט צו ריידן אזוי.
יושרדיקע ווערטער. נאט, לייענט, בלוטיקע ווערטער.

(זאליע קומט אן)

זאליע

(שארף)

מנחה!

פערטער

ווייניק יידן אין שול היינט.

זאליע

ווייניק? איין ייד איז גענוג. (דערזעט לעקערטן, מיט געשריי)
ארעפגעפארן אזש אהער?

פייוול

קום. וואס ווען מיר שטיין דא?

לעקערט

(צו זאליען)

וואס שרייט איר?

זאליע

ווער דען דארף שרייען? זיי — די נגידים!

ערשטער

פע, ר' זאליע.

זאליע

ווי צו די זינדיקע און צוויי מאל ווי צו די שטראפער.

ערשטער

דער למדן מיטן שגעון.

זאלי

דער נגיד מיטן פארך.

ערשטער

טפו. (אנטלויפט אין שול אריין. די איבריקע מיט געלעכטער
נאך אים.)

פייוול

קום. (אפ מיט לעקערטן)

ז אַ ל י ע

(צו מענדלען)

וואָס דאַרפסטו דאָ?

מ ע נ ד ל

איך טראָג וואַסער, טאַטע.

ז אַ ל י ע

אַהיים גיי.

מ ע נ ד ל

איך וויל דאָ זיין.

ז אַ ל י ע

אַהיים גיי.

מ ע נ ד ל

היינט פאָלג איך אויך נישט.

ז אַ ל י ע

וואָס?

מ ע נ ד ל

איך וויל זען די רויטע פאָן.

ז אַ ל י ע

וואָס פאַר אַ פאָן?

מ ע נ ד ל

איך דאַרף היטן הירשקען.

ז אַ ל י ע

היטן?

מ ע נ ד ל

איך האָב אים האָלט.

ז אַ ל י ע

(מיט ווייטיק)

נ—אַ—ר. (אָפּ)

מ ע נ ד ל

(מיט התפעלות)

זיי קומען.

(עס הויבן אָן צו קומען אַרבעטער, אויסגעפּוצט ערשט־מאיק מיט שטעקלעך אין די הענט, אין אַלערליי קאָלירטע בלחעס, אַסך רויטע. יונגעלייט און מיידלעך. זיי קומען אַריין פון איין זייט און גייען דורך פון דער צווייטער זייט. אַנדערע שטעלן זיך אָפּ. עס גרופּירן זיך קליינע רעדלעך. אָבער די אָנפירער, איינער פון זיי, אוסישקין, מיטן קוישל ספרים אויף די אַקסלען, לאָזן זיי נישט שטיין, שיקן זיי אַוועק. עס קומען יאָשקע, רחמיאַלקע מיט מיידלעך אַרום זיי. וועלפּקע מיט דער פאָן אונטערן פאָלע. רייזל מיט אים. אַלץ באַוועגט זיך פון פּלאַץ צו פּלאַץ. אוסישקין לויפט אַרום פלינק, האַסטיק, פאַרשמאַיעט. אָט פאַרשווינדט ער, אָט באַווייזט ער זיך ווידער, און מאַכט מיט די הענט און גיט באַפעלן. די יידן, װאָס זענען געשטאַנען אויף די שוועלן פון די שולן, פאַרשווינדן. אַלע טירן האַקן זיך צו.)

אַ דעמאָנסטראַנט

(לייענט פון אַ בלעטל. אַ רעדל אַרום אים)

... נאָך קיינמאָל האָט די צאַרישע רעגירונג נישט אַרויסגעוויזן איר גאַנצע פּרעכקייט, ווילדקייט און אכזריות אַזוי אָפן.— אונז, יידישע אַרבעטער, איז שוין נישט איינמאָל אויסגעקומען אַריבערצוטראָגן די שרעקלעכסטע גוואַלדטאַטן פון די ווילדע צאַרישע דינער, נישט איינמאָל האָט מען אונז מאַסנווייז געוואָרפן אין די טורמעס, געשיקט אין סיביר, ווען מיר האָבן געפּרובירט כאָטש עטוואָס פאַרבעסערן אונזער לאַגע. —

אוסישקין

(לויפט אָן)

חברים. נישט זאַמלען זיך אין רעדלעך. גיין. גיין. צו דער דייטשער גאַס. חברים, צו דער דייטשער —

(שטופּט זיי לייבט אַוועק. געהיימניספול)

פון באָיעוואָי אָטריאַד זענען שוין אַלע דאָ?

רחמיאלקע

מיר זענען דאָ. ווי דען?

יאָשקע

ווו איז א אַק?

אוסישקין

ער וועט קומען באַלד. (צו דורכגייער) צו דער דייטשער. קיי־נע אויסגעשרייען ביז מען וועט נישט פונאַנדערוויקלען די פאָן. און הערט זיך נישט צו צו קיין פוסטע קלאַנגען. מוט. מוט.

(ער ווערט פארשוואונדן אין עולם. עולם פלייצט פארביי)

איינער

(דורכגייענדיק)

די פוילישע אַרבעטער, זאָגט מען, וועלן נישט קומען.

צווייטער

די ליטווישע אויך נישט.

דריטער

וועט דער הענקער האָבן אַ גוטן אויסרייד: נאָר יידן.

פערטער

מען וועט אונז היינט ממיתן.

פינפטער

צו וואָס אַזוינע רייד? ווער עס האָט מורא, זאָל אַהיים גיין.

זעקסטער

יע, יע. זאָל ער וויסן, דער הענקער, אַז נאָר יידן. יידן די ערשטע.

זיבעטער

און מיר זענען שטאָלץ, וואָס מיר די ערשטע.

אַכטער

דאָ דרייען זיך אַרום טונקעלע פאַרשוינען. שפּיאָנען.

ניינטער

וואָס וויניקער ריידן. רויק זיין. דיסציפּלין.

(גייען פארביי, לעקערט און פייזל קומען צו מיט צעהיצטע פנימער).

פ י י ו ו ל

אַן אַנטיק, זאָג איך אייך.

ל ע ק ע ר ט

מען שטראָמט און מען שטראָמט.—אַך.—
פול די גאַסן מיט יום-טוב.—אונזערע יידישע אַרבעטער.

ר י י ז ל

איך פיל אַזוי ווי צום טאַנצן. אַזאַ לויטערער אָוונט. זעט.

(שלעפּט לעקערטן צו וועלפּקען)

באַקען זיך, הירשקע, מיט וועלפּקען. —

ל ע ק ע ר ט

(דריקט וועלפּקען די האנט)

זייט איר דאָס היינט דער גליקלעכער צו זיין דער פאָנענטרעגער. —

ו ו ע ל פ ק ע

יע.

י אָ ש ק ע

מיר זענען אים אַלע מקנא.

ו ו ע ל פ ק ע

איך בין זיך אַליין מקנא.

ר ח מ י א ל ק ע

מיר'ן אים ריכטיק היטן. מיר'ן אים אַרומנעמען, ווי אַ חתן אונטער דער חופּה.

ו ו ע ל פ ק ע

און די פאָן — די כלה.

ל ע ק ע ר ט

(צו פּייוולען)

וואָס ביסטו מיטאַמאָל געוואָרן אומעטיק?

פ י י ו ו ל

די פּאָליאַקן האָבן אונז פאַרראַטן.

אַ ל ע

פאַרראַטן.

פייוול

אָן זיי זענען מיר אַזוי ווייניק —

לעקערט

(שאַרף)

ווייניק? איין קעמפער איז גענוג!

(איסאַק און רחל קומען צו. רחל וויל צוגיין צו לעקערטן, אָבער ער דרייט זיך אַוועק אָן אַ זייט. רחל טוליעט זיך צו רייזלען)

איסאַק

איך האָף, אַז איר האָט אַלע אויסגעפּאָלגט
דער באַשלוס מכוח דאָס געווער.

רחמיאלקע

אַז מען קען שוין יע אַ קנייטש טון אַ גאָראָדאָוואָי,
צי אַ שפּיק —

איסאַק

איך וויל איצט נישט הערן קיין טענות.

יאָשקע

פּאָן וואָל מיט ביקסן, מיט נאַגאַניקעס, און מיר —

איסאַק

איך פרעג דאָך: ווער איז דאָ מיט געווער?

יאָשקע

איך.

רחמיאלקע

און איך —

איסאַק

גיט עס אַהער. (ביידע גיבן אים איבער די רעוואָלווערן. שטייען אָנגעבלאָזענע.)

איסאַק

(פּאַקט דאָס געווער צו זיך אין קעשענע)

פּאָן וואָל מיטן גאַנצן מיליטער וואַרט נאָר אויף אַ מינדסטן שאָס פון אונזער זייט, און דעמאָלט—אַ בלוט-באָד איבער גאַנץ ווילנע, אויף שולדיקע און אומשולדיקע.

לעקערט

אַ בלוט-באָד וועט סיי-ווי זיין.

איסאַק

איר האָט אויך געווער ביי זיך?

פּייוול

מען מעג אונז געטרויען.

איסאַק

איך וויל נישט קיין אַרגומענטן.

שטימען

איר ברעכט די דיסציפּלין.

רחל

(מיט געבעט)

לעקערט.

וועלפּקע

פאַרוואָס האָט חבר אוסישקין קיין מורא נישט!

איסאַק

ווער האָט נאָך געווער?

לעקערט

באַשערט שוין, אַז נאָר אונזער בלוט זאָל זיך גיסן אַלעמאָל.
(גיט אָפּ איסאַקן זיין רעוואָלווער) פּייוול, גיב אַוועק. (פּייחל גיט אויך אָפּ.)

רחל

(צו איסאַקן)

ווי וועסטו זיך אַרומטראָגן מיט אַזויפיל געווער?

איסאַק

בעסער זאָל מען מיך איינעם אַרעסטירן.

לעקערט

איך גיב אייך אַוועק דאָס געווער, אָבער זייט וויסן —
דער כעס קאָכט אין מיר.

איסאַק

איך וויל דאָס נישט הערן.

לעקערט

איך וועל זיך מיט אייך, ווייזט אויס, שוין אייביק קריגן.

א י ס אַ ק

אָבער איך וועל זיך מיט אייך נישט קריגן.

א ו ס י ש ק י ן

(קומט צו לויפן)

שנעלער. די מאַסע איז אומגעדולדיק.

א י ס אַ ק

(שרייט)

באַרויקן. דיסציפּלין. פּאָרזיכטיקייט. נישט צעשליידערן זיך.

א ו ס י ש ק י ן

איך וועל אייך אָנזאָגן שוין, ווען די פּאָן צו פונאַנדערוויקלען. גייט.

(איסאַק און אַלע אָפּ)

אַ ט ו נ ק ע ל ע ר פ אַ ר ש ו י ן

(לויפט אָן)

עס וועט נישט זיין קיין דעמאָנסטראַציע.

אַ צ ו ו י י ט ע ר

אויס קאַמף. אַהיים אַלע: שלום מיט דער רעגירונג.

ע ר ש ט ע ר

די אַרבעטער וועלן קענען עפענען פּראָפעסיאָנעלע סאָיוזן.

צ ו ו י י ט ע ר

מען דאַרף נישט דעם „בונד".

ע ר ש ט ע ר

די קאָמיטעט-לייט זיצן אין דער היים און די אַרבעטער שיקן זיי בלוט פאַרגיסן! (אָפּ)

א ו ס י ש ק י ן

(שרייט)

שפּיאָנען. זובאַטאָוועס. כאַפּט זיי. (לויפט אָפּ, און מיט אים די לעצטע אָנקומענדיקע)

א ו י ס ג ע ש ר י י ע ן

(פון ווייטן)

ניזער מיט ניקאָלאַי דעם צווייטן. נידער. נידער.

(שול-הויף פוסט. די זון האָט זיך געזעצט. מענדל קומט אָן. שטייט אינמיטן הויף, הערט זיך צו צו די ווייטע אויס-רופן. דער בלינדער מיט זיין פירער איילן פאַרביי.)

פירער

(צו מענדלען)

שטיי נישט, אַנטלויף.

בלינדער

צו וועמען רעדסטו?

פירער

דער מענדל שטייט ווי אַ שטיק האָלץ.

(עס דערטראָגן זיך מיטאַמאָל ווילדע געשרייען, געוויינען, פיי-פערייַ און טופעריי פון פערד. בייז, פאַרצווייפלט, שניידנדיק.)

בלינדער

אוי, אַ קלאָג צו מיר.

(אַנטלויפן. מענדל לאָזט זיך מיט זיינע עמערס צו דער זייט, פון וואַנען עס קומען די געוואַלדן. בלייבט שטיין ביי אַ וואַנט, וואַרפט זיך אַ צעמישטער מיט אויסגעשטרעקטע הענט. די געוואַלדן ווערן נענטער. דורכן שול-הויף אויף צוריק לויפן אַ טייל פון די דעמאָנסטראַנטן, צעשויבערטע, צעשלאָגענע. זיי שטויסן מיט מענדלען און שלעפּן אים מיט זיך, ווי אַ שטראָם. די עמערס מיטן קאָראָמיסל פאַלן ארונטער פון זיינע אַקס-לען און צעשיטן זיך איבערן הויף. אייניקע, דרייסטערע, סטאַרען זיך אָפּהאַלטן דאָס געלויפעריי. אָבער אָן ערפאָלג. קולות פון די דרייסטערע און פון די קליינמוטיקע שטויסן זיך איינע אָן די אַנדערע.)

קולות

— לויפט נישט.
— שרעק יאָגט אונז.
— שטעלט זיך קעגן.
— שווערדן.
— פּיקעס.

— מיר — די ערשטע.
— זיגן.
— בונד.
— טויט.
— קעפ אויף שטיינער.
— פאַרלוירן. פאַרלוירן.
— עס לעבע.
— נידער.
— בלוט. בלוט.

(די פאניק ווערט גרעסער, שטויסט אלעמען אוועק. מענדל לויפט גלייך צוריק. שליידערט מיט די הענט. רעדעט. אים אנטקעגן קומט איסאַק א וואקלדיקער, א צעשויבערטער, זעט אויס ווי א מענטש, וואס גייט ארום ביינאכט אין שלאף, די אויגן אויפגעריסן. בלייך ווי דער טויט.)

מענדל

דערהרגעט הירשקען?

איסאַק

אַלץ דערהרגעט.

מענדל
(מיט יאָמער)

גיסט זיך בלוט הירשקעס?

איסאַק

גיסט זיך. גיסט זיך.

מענדל

א ליגן. נישט דערהרגעט.

איסאַק
(קומט צו זיך)

וואָס ווילט איר?

מענדל

הירשקען קען מען נישט דערהרגענען.

איסאַק

וועלכער הירשקע?

מענדל

ער איז אַ גיבור. ער האָט אַ קיילעכדיקן ביין.

(עס דערטראָגט זיך אַ צווייטער אויסרוף פון געשרייען.)

איסאַק

(לייגט ארויף די פינגער אויף די אויגן. וויגט זיך שיער נישט צום פאַלן, אוסישקין קומט צו לויפן, כאַפּט אָן איסאַקן.)

אוסישקין

איסאַק!

איסאַק

איך טאָר דאָ מער נישט זיין.

אוסישקין

(הילך פון כעס)

שווייג!

איסאַק

בלוט אויף מיין קאָפּ.

אוסישקין

ביסט משוגע געוואָרן —

איסאַק

יע.

אוסישקין

טאָ שטיי נישט אין וועג. דו הערסט? שטיי נישט אין וועג.

(שטויסט אים אוועק, און אליין—מיט געהויבענע הענט אנט-קעגן דעם אָנקומענדיקן עולם.)

(עס קומט אָן נאָך אַ שטראָם אנטלויפנדיקע. לעקערט, רייזל און אוסישקין פארלויפן דעם וועג אפריער. הילן אָפּהאַלטן דעם שטראָם, נאָר זיי קענען נישט. דער שטראָם שטויסט זיי. לעקערט איז צעשלאָגן, צעפליקט. דאָס פנים אין בלוט.)

מענדל

הירשקע! הירשקע!

אוסישקין

(מיט צעשפרייטע הענט, פּאַטשט אנטקעגן דעם עולם)

צוריק. צוריק.—די חברים שלאָגן זיך פאַר אונזער פאָן.

זיי טרעטן נישט אָפּ — און איר אַנטלויפּט.
איר לאָזט אונז איבער אַליין.

רייזל

ראַטעווען די פאָן. ראַטעווען.

קולות

פאַרשטעלט נישט דעם וועג!

לעקערט

איך וועל פאַרשטעלן.
סיידן איבער מיין גוף וועט איר לויפן —
ברידער, בונדאָווצעס,
איך בעט אייך.

קולות

ווער זייט איר?

לעקערט

איינער פון אייך. —

(דער געדראַנג ווערט שטאַרק, לעקערט, רייזל און אוסישקין
שפּאַרן אויף צוריק, לעקערט דערזעט מענדלען.)
מענדל, העלף, לאָז נישט לויפן, האַלט. —

מענדל

(מיט אימפּעט, גיט זיך א לאָז אנטקעגן)
איר אַנטלויפט און הירשקע זאָל שטאַרבן.—צוריק.

(דער געדראַנג ווערט אָבער נאָך שטאַרקער, מען שלאָגט מיט די הענט, מיט אַלע גלידער, מען ברעכט דורך דעם אָפּהאַלט, און מען שלעפּט מיט מענדלען, מיט רייזלען און אוסישקינען. לעקערט לאָזט זיך נישט מיטשלעפּן, ער קלאַמערט זיך אין אַלעמענס פיס און ראַנגלט זיך. ער האַלט נישט אויס, ער בלייבט ליגן. אַלע לויפן איבער אים. אָפּ. לעקערט ליגט. נאָכט פאַלט צו. פּייוול קומט, פירנדיק אונטערן האַנט וועלפּקען. ביידע צעבלוטיקטע. וועלפּקע האַלט זיך קוים אויף די פיס, וואַקלט זיך. פּייוול האַלט אים אונטער.)

וועלפקע

האַלט מיך נישט.

(שטויסט אָפּ פּייװלען און לאָזט זיך אַרונטער אויף דער ערד.)

פּייוול

(היל אים אויפהייבן)

קום פון דאַנען.

וועלפקע

נעם מיך נישט ביים האַנט. זיי האָבן מיר אויסגעבראָכן די האַנט. (קרעכצט) די פּאָן נישט אָפּגעראַטעוועט.

(דעריזעט לעקערטן)

הירשקע.

לעקערט

(קומט צו זיך, הויבט זיך אויף)

שריי נישט.

וועלפקע

די פּאָן פאַרלוירן.

לעקערט

(שפּרינגט אויף)

אָפּהאַלטן דאָס געלויף.

פּייוול

נישטאָ שוין וועמען אָפּצוהאַלטן

וועלפקע

איבערגעלאָזט אונז אַליין.

לעקערט

וועלן מיר קעמפן אַליין —

וועלפקע

פּיי וואָלטן אונז שוין בעסער אַרעסטירן מיט אַלעמען גלייך. —

לעקערט

מען וועט אַרעסטירן. מען וועט.

פּייוול

מיר וועלן אָפּצאָלן.

וועלפּקע

אָפּצאָלן — אָבער די פּאָן נישט אָפּגעראַטעוועט. —

לעקערט

און זיך האָבן מיר יע געראַטעוועט.

וועלפּקע

אַ חרפּה. (וואַקלט זיך אַוועק אַליין אין געבראָכנקייט)

לעקערט

פּייוול, דו הערסט, —מען דאַרף אָפּגעבן דאָס גאַנצע לעבן —

פּייוול

וואָס מיינסטו?

לעקערט

אָט דאָס וואָס איך זאָג — דאָס מיין איך.
און אויף דער פּאָן קלאָג איך נישט.
מען קען אויפנייען אַן אַנדערע. —

פּייוול

(אָפּ אין אַ צווייטער זייט, שוויגנדיק)

לעקערט

(אין אַ ווינקל ערגעץ. שטייט מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, אַזוי ווי צוגעקלעפּט צום וואַנט. מענדל קומט אָן, קלויבט צוזאַמען זיינע צעשפּליטערטע עמער. טוט זיי אָן. דערזעט לעקערטן. איילט צו אים מיט פרייד.)

מענדל

הירשקע, וואָס מאַכסטו?

לעקערט

שריי נישט.

מענדל

האָסט געבראַכט די פּאָן?

לעקערט

נישטאָ זי.

מענדל

איך וויל זען די רויטע פּאָן.

לעקערט

אָט זע, (טראָגט אים צו זיין צעבלוטיקטן קאָפּ)

מענדל

בלוט.

לעקערט

דאָס איז די רויטע פאָן.

מענדל

איך וועל לויפן נאָך וואַסער און דיר אָפּוואַשן דעם שטערן.

לעקערט

מען דאַרף נישט.

מענדל

(ווישט אים אָפּ מיט א ברעג פון פאָלע דאָס בלוט פון קאָפּ)

אַ צווייטן מאָל וועל איך דיך באַגעגענען מיט פולע עמערלעך.

לעקערט

אַ דאַנק דיר, ברודערל.

מענדל

(מיטאמאָל)

אוי, איך וועל נעמען שרייען.

לעקערט

שאַ, מענדל.

מענדל

דיר גיסט זיך ווידער בלוט פון קאָפּ. —

איך וועל שרייען, זאָג איך. איך וועל שרייען. —

(כאַפּט ארום זיין אייגענעם קאָפּ און לאָזט זיך לויפן מיטן געשריי)

יידן, הירשקעס בלוט גיסט זיך.

יידן. יידן.

(פאָרהאַנג)

בילד פיר

(אַן אָרים טוי־שטיבל. אַן אָרט, הו עס קומען זיך צונויף בונדיסטן. די באַלעבאָסטע — אַן אייגענער מענטש. צוויי טעג נאָך דער דעמאָנסטראַציע. פאַרנאַכט. או־סישקין זיצט איבער אַ טישל מיטן קאָפּ פאַרוואָרפן און שלאָפט. זיין גאַנצע פּאָזע דריקט אויס מידקייט און טרויער. הינטערן טיר הערט מען אַ געטומל. לעקערט, הערט מען, שרייט אויף אַן אומגעהיינטלעכן קול: „לאָזט מיך אַריין, מומינקע". לעקערט פּראַלט פונאַנדער די טיר און רייסט זיך אַריין. די באַלע־באָסטע נאָך אים. האַלט אים פאַר די אַקסלען.)

באַלעבאָסטע

הירשקע, הירשקע, וואָס איז מיט דיר?

לעקערט

(שיכורלעך)

לאָזט מיך אַריין, מומע. לאָזט מיך אַריין.

באַלעבאָסטע

איך לאָז דאָך דיר — שריי נישט.

לעקערט

איר האַלט מיך צו. — האַלט מיך נישט.
איך האָב פיינט, אַז מען האַלט מיך צו.
זיי האָבן מיך געהיט, האָבן זיי מיך.
זיי זענען געשטאַנען איבער מיין קאָפּ צוויי מעת־לעת
און געהיט מיך, ווי מען היט אַן אָסטראָזשניק.

באַלעבאָסטע

ווער? ווער?

ל ע ק ע ר ט

ביידע. ביידע. די מאַמע און ס'ווייב.
געשטאַנען בײַ דער טיר און צוגעהאַלטן די קליאַמקע,
נישט אַרויסגעלאָזט מיך פון שטוב —
צוויי מעת־לעת, מומינקע. צוויי מעת־לעת.

ב אַ ל ע ב אָ ס ט ע

פון דיר שמעקט בראָנפן. ביסט שיכּור.

ל ע ק ע ר ט

נישט שיכּור, מומינקע, נישט שיכּור,
איך שווער אייך. איר זעט דאָך. איך שטיי גלייך.
איין מאָנאָפּאָלקע, מומינקע, איין קליין פלעשל.
איך ווער דערוואָרגן.
איך ווער דאָך משוגע, מומינקע.
איך קען דאָך נישט פאַרטראָגן —

ב אַ ל ע ב אָ ס ט ע

וואָס איז מיט דיר?

ל ע ק ע ר ט

די שמיץ, מומינקע. — דער תּליון. פאָן וואַל.
וויפל חברים האָט ער געשמיסן?
זאָגט וויפל?

ב אַ ל ע ב אָ ס ט ע

ש...ש... באַרויק זיך. וווהין גייסטו?

ל ע ק ע ר ט

עס ברענט אין מיר.
עס טרייבט מיך איבער די גאַסן גיין און שרייען,
און רופן: ברידער, חברים, וואָס שווייגט מען!

ב אַ ל ע ב אָ ס ט ע

שטילער. ווענט האָבן אויערן.

ל ע ק ע ר ט

(געפּאַלן)

וואָס־זשע זאָל איך טון, מומינקע?
(מיט פֿיסטער) דער „בונד" איז דאָך נישט געשטאָרבן, האַ?

אָט שלאָפט ער גאָר, דער חברקע אוסישקין —
(שפּרינגט צו צו אוסישקינען, קוקט אים אַריין אין פּנים)
חברקע. —

באַלעבאָסטע

(שלעפּט אים אָפּ)

וועק אים נישט. ער איז מיד און קראַנק.

לעקערט

(זינגט אומלויפנדיק איבערן שטוב)

מיר ווערן געהאַסט און געטריבן,
מיר ווערן געפּלאָגט און פאַרפאָלגט.

באַלעבאָסטע

זעץ זיך. איך וועל דיר געבן טיי —

לעקערט

(פּלוצלינג)

איר זאָלט זיי נישט אַריינלאָזן, מומע —
זיי לויפן מיר נאָך, זיי פאַרקלאָגן מיר דעם קאָפּ —
זיי קומען, מומע, — זיי קומען?

באַלעבאָסטע

קיינער קומט נישט.

לעקערט

פאַרהאַקט די טיר. איך וויל זיי נישט אָנקוקן
איך האָב זיי פיינט. פיינט.
טאַקע אַ מאַמע. טאַקע אַ ווייב —
אָבער — אָבער — וואָס זאָל איך טון, האַ?
אָט-אַזוי ווי איר זעט, האָבן זיי זיך אַוועקגעשטעלט ביים טיר
און — כאָטש פּלאַץ — לאָזן נישט אַרויס.
אַרויסגעזועצט אַ פּענצטער און אַנטלאָפן. —
קריגט מיר נאָך אַ פלעשל, מומינקע — קריגט מיר.
פאָן וואַל וועט מיך דערשטיקן —
ער וועט אַלעמען דערשטיקן —
איך וויל שנאַפּס.

באַלעבאָסטע

הירשקע. ס'איז נישט שיין. ביסט אַ בונדאָוועץ.

לעקערט

יע, מומינקע, זייט מיר מוחל.
אָבער—אָבער — איך קען דאָך נישט פאַרטראָגן.
דער חברקע אוסישקין שלאָפט ווי אין אומגליק —
און אונזער פאָן — אַזאַ שוואַכינקע,
און אונזערע הענט—ליידיקע,
און דער תליון איז צופרידן.
אַזוי פיל צעשמיסענע לייבער.
גאַנץ ווילנע אין בלוט פאַרגאָסן.
און זי שווייגט — ווילנע.
נקמה, מומינקע, נקמה. —

באַלעבאָסטע

שטיל'ער.

לעקערט

אין דר'ערד אַריין.
איך וועל אויך דאָ אַלע שויבן אויסברעכן.
וואָס זיצט מען דאָ און מען שלאָפט?
(שפרינגט צו און טוט אַ זעץ אין טישל, וו אוסישקין שלאָפט.
אוסישקין כאַפּט זיך אויף.)

באַלעבאָסטע

ביסט משוגע געוואָרן, צי וואָס?

אוסישקין

וואָס איז דאָ?

לעקערט
(פאַרשעמט)

זייט מיר מוחל.

אוסישקין

איר זייט שיכור?

לעקערט

ניין, חבר, ניין. — שלאָפט. שלאָפט.

(זינגט)

מיר ווערן געשאָסן, געהאָנגען. — — —

זינגט מיט מיר, חברקע. איר אויך, מומע.

אוסישקין

פון אייך שמעקט בראָנפן. מיר געפעלט עס נישט.

לעקערט

מער נישט טרינקען, — איך שווער אייך.

זינגט מיט מיר.

פון גרויס עגמת-נפש געטרונקען.

פון גרויס עגמת-נפש. זינגט מיט מיר.

טאַנצט מיט מיר. —

איבער פאַן וואַלס קאָפּ אַ האָפּקע גיין. —

וואָס קוקט איר אויף מיר אַזוי?

איר זייט אין כעס אויף מיר?

אוסישקין

(לייגט אַרויף זיינע הענט אויף לעקערטס אַקסלען)

איך בין נישט אין כעס אויף אייך,

איר זייט אַ ווילער.

לעקערט

(מיט שמחה)

אַ געזונט אויף אייך.

אַז מען הרגעט אויס אַסך ברידער, חברקע,

און עס בלייבט איבער נאָר איינער, דער לעצטער —

נעמט דער איינער און גיט אויך אַוועק דאָס לעבן —

דאַרף מען דערויף וויינען, האַ?

באַלעבאָסטע

(ברענגט אַריין טיי)

טרינק, הירשל.

לעקערט

גיט מיר אַ רעוואָלווער, חברקע. —

אוסישקין

אויף וואָס דאַרפט איר?

לעקערט

איך מוז האָבן אַ רעוואָלווער. איך מוז —

(עס קומט אריין אַ גרופּע אַרבעטער. אַפּאָר טיידלעך. זעצן זיך אַרום אַ טיש. גריסן זיך)

ערשטער

טיי, מומע.

באַלעבאָסטע

שוין, שוין. (אָפּ)

צווייטער

זעט, חבר אוסישקין איז דאָך דאָ —

דריטער

מיר האָבן געמיינט, אַז איר זייט אַרעסטירט.

אוסישקין

דערווייל נאָך נישט, ווי איר זעט.

ערשטער

שפּיקעס אויף יעדן טראָט. אַן אומגליק אויף זיי.

צווייטער

איר האָט זיך באַדאַרפן מער היטן, זיי זוכן אייך.

אוסישקין

וועלן זיי מיך מסתמא געפינען.

באַלעבאָסטע

(האָט אריינגעבראַכט טיי)

ערשטער

(ווייזנדיק אויף לעקערטן)

אַ נייַ פּנים — ווער איז ער?

באַלעבאָסטע

אַן אונזעריקער. אַן אייגענער. וואָס נייעס, קינדער?

ערשטער

שרעקלעכע נייעס.

צווייטער

דער צאָל פון די געשמיסענע דערגייט ביז דרייסיק.

ד ר י ט ע ר

און פֿאָן וואַל איז דערבײַ געזעסן און געציילט די שמיץ.

ע ר ש ט ע ר

דער גאַנצער הויף פֿון טורמע איז פֿאַרגאָסן מיט בלוט.

אַ מ י י ד ל

(מיט געוויין)

הערט אויף!

ל ע ק ע ר ט

(איז געזעסן ערגעץ באַזונדער. ער שפּרינגט אויף מיט אַ געשריי)

דרייסיק?!

ב אַ ל ע ב אָ ס ט ע

הירשל. באַרויק זיך.

ל ע ק ע ר ט

און קיינער האָט צוריק נישט געגעבן?

ע ר ש ט ע ר

אַזוי פֿיל סאָלדאַטן אַרום —

ל ע ק ע ר ט

אָבער דרייסיק!

(שלאָגט זיך מיטן פֿויסט איבערן קאָפּ)

דרייסיק. דרייסיק.

(עס איז אַריינגעקומען וועלפּקע מיט אַ פֿאַרבונדענער האַנט, דערנאָך — יאַשקע און רחמיאלקע. וועלפּקע זעצט זיך בײַם טישל, ווו לעקערט. שווייגט)

א ו ס י ש ק י ן

אָט איז וועלפּקע, אָ. (כאַפּט אים אַרום) וואָס מאַכט איר?

ע ט ל ע כ ע

וואָס מאַכט אייער האַנט?

ו ו ע ל פּ ק ע

(בייז)

דער שוואַרציאָר וועט זי נישט נעמען.

אוסישקין

(צערטלט אים)

ליבער יונג—נישט אַזוי פינצטער זיין.
אייך פּאַסט עס נישט. און קיינעם פּאַסט עס נישט.
בונדאָווצעס טאָרן דעם מוט נישט פאַרלירן. —
אפשר וואָלט איר מיר אויך געגעבן אַ גלעזל טיי, מומע.

באַלעבאָסטע

אַוודאי, מיט פאַרגעניגן.

וועלפקע

אַז מען פאַרטרויט אייך די פאָן—דאַרפט איר שטיין פאַר איר
ביזן לעצטן אָטעם און נישט אָפּטרעטן.
און איך בין אָפּגעטראָטן. און אַלע. איר אַלע.
מיר זענען טרוסן —
מען דאַרף אונז אויסשליסן פון „בונד".

לעקערט

זאָל מען זינגען די „שבועה".
לאָמיר אַלע שווערן פון דאָס ניי —

וועלפקע

פון דער דעמאָנסטראַציע, ווי די מייז, געלאָפן —
און אין טורמע — צוויי אָנגעפּאַקטע קאַמערן מיט אַרעסטירטע.
פאַרוואָס האָבן זיי כאָטש די פענצטער נישט אויסגעבראָכן?
געציטערט פאַרן אייגענעם לייב? —
אַ רעוואָלוציאָנער איז נישט קיין באַלעבאָס איבער זיין לייב.

לעקערט

גערעכט. גערעכט. מערזאָווצעס זענען מיר.

(שטייט אינמיטן שטוב. רעדט מיט אַ פאַרשטיקט קול)

אָנשטאָט צו זיצן אָט דאָ-אָ —
וואָס זיצן מיר דאָ?
אַ יידישער קעמפער דאַרף — — —

רחמיאלקע

(אריינגעקומען מיט יאַשקען)

אָט איז ער דאָך אָ.

יאָשקע

מיר זוכן דיך אַרום, היוּשקע.

רחמיאלקע

געווען אין שטוב ביי דיר. אַיללה דאָרט.

יאָשקע

אַ יאַכמערניש פון יידענעס.

רחמיאלקע

האָסט אויסגעבראָכן אַ פענצטער —

לעקערט

(מיט ציטער)

נו, וואָס האָב איך געזאָלט טון?

רחמיאלקע

ווי וועט דאָך באַלד דאָ זיין—די יידענע דיינע.

לעקערט

מען זאָל זי נישט אַריינלאָזן, מומינקע.—
אַז נישט, וועט זיך טון חושך, וועט זיך טון.

רחמיאלקע

קוקט, ווי ער האָט עס מורא.

לעקערט

שווייג!

רחמיאלקע

שעמען מעגסטו זיך,

לעקערט

לעקערט האָט קיין מורא נישט פאַר קיינעם.
רחמנות האָב איך אויף איר. רחמנות.
און דו—האַלט ס׳מויל.

אוסישקין

צו וואָס אַזוי קאָכן זיך?

לעקערט

(וואקלט זיך אַרום)

נו זאָגט אַליין. —
איר זייט דאָך אַ געלערנטער, אַ קאָמפּעטענטש. —
קען אַ מענטש הערן, ווי מען וויינט איבער אים,

ווי איבער אַ טויטן ?
דער גאַנצער קעלער מיינער וויינט דאָך —
אַלע פיר ווענט וויינען. —
אָט אַזוי-אָ זיצן זיי די ווייבער, —
די הענט פאַרבראָכן,
די ליפּן צעקרימט,
און די אויגן געשוואָלן,
און מען יאָמערט:
הירשקע, דו קוילעסט אונז אָן אַ מעסער — — —
אַ פינצטערער יאָר —
גיט מיר אַ מעסער, וועל איך טאַקע קוילענען. —
עס עסט מיך די חרפה פון שמיץ,
און דאָס שמייכעלע פונעם תליון שלאָגט מיך איבערן פנים.
ווילנע איז אַ פאַרך —
און מיר אַלע זענען פאַרכעס.
און איך ליג אויפן בעט און קען נישט שלאָפן,
הויב איך מיר אָן זינגען די שבועה —
ווערט די יללה פון די ווייבער נאָך גרעסער. —
זאָל איך דערוואָרגן ווערן, האַ ?
(זיצט אַ געזונקענער, שפּרינגט אויף)
אַז איך מוז זינגען די שבועה,
די הייליקע שבועה — —
וואָס שווייגט איר ? זינגט מיט מיר !
רעוואָלוציאָנערן דאַרפן זינגען. —
צי דאָ טאָר איך אויך נישט ?
באַלעבאָסטע
מען מעג, אָבער נישט צו הויך. איך וועל שוין אַכטונג געבן. (אָפּ)
לעקערט
חברקע אוסישקין, זינגט מיט מיר.
(זינגט)
„ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט,
„אַלע, וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט —

„צוזאַמען, צוזאַמען. די פּאַנע איז גרייט,
„זי פלאַטערט פון צאָרן, פון בלוט איז זי רויט,
„צו שבועה. צו שבועה אויף לעבן און טויט" —

(אוסישקין העלפט אונטער. נאָך אים שטייען צו אויך
יאַשקע און רחמיאלקע)

לעקערט

אַ מחיה. — אַלע! אַלע!

(געזאַנג)

„הימל און ערד וועט אונז הערן,
„עדות—די ליכטיקע שטערן.
„אַ שבועה פון בלוט און פון טרערן.
„מיר שווערן. מיר שווערן".

(וועלפּקע שטייט אויך צו און אַלע איבעריקע. מען זינגט
שטיל, אָבער טיף, מיט קלעמונג. מיט געשטיקטן עקסטאַז.
ווי אין אַ באַהאַלטענער הייל. לעקערט איז אינגאַנצן אָנגע-
צונדן. אַלע זיינע אברים פיבערן מיט התפעלות.)

אוסישקין

(אויך אינגאַנצן אויפגעגאָסן אינעם געזאַנג, נעמט אַרום לע-
קערטן אַרום האַלז)

איר זייט דאָך אַ טייערער יונג, כ'לעבן.
אַז מיר האָבן אַזוינע ווי איר, דאַרפן מיר נישט מורא האָבן.—
מ'האָט אונז געפייניקט—מען וועט אונז פייניקן נאָך.
אונזער בלוט איז נאָך רויט,
און דער טיראַן איז נאָך דאָרשטיק -
אָבער די נקמה וועט קומען —

לעקערט

יע. יע.
איך מיין—איר זאָגט, די נקמה.

(דערהערט מיטאַמאָל הויכע שטימען הינטערן טיר, דער-
קענט זיין ווייבס קול)

נישט אַריינלאָזן אַהער. נישט אַריינלאָזן — —

(עס קומט אַריין פרוי לעקערט און די באַלעבאָסטע.)

פאַלעבאָסטע

(לאַכט)

נו, אָט האָסטו זי, הירשקע.

לעקערט

(פארלוירן, שטאמלט מיט געבראָכענעם קוראַזש)

צו וואָס ביסטו געקומען אהער?

ווייב

(בלייך און דערשראָקן)

קום אַהיים.

לעקערט

אַך.

(גיט זיך א זעץ ארונטער ביי א טישל, באהאַלט ס'פנים אין

ביידע הענט)

ווייב

(גייט צו צו אים, נעמט אים פאר די הענט)

גיי אַהיים מיט מיר.

לעקערט

(שפרינגט אויף)

איך וועל נישט גיין.

ווייב

זלן. אַ פענצטער אויסגעבראָכן.

(עס קומען אריין אין דער צייט רייזל און רחל)

לעקערט

אַז—אַז—נו וואָס האָב איך געקענט אַנדערש טון. זיי מיר מוחל.

ווייב

קום אַהיים. (צו רייזלען) רייזעלע, טייערע, העלפט מיר.

לעקערט

מאַך נישט קיין לייטישע געלעכטער.

ווייב

מען וועט דיך אַרעסטירן. איך וויל זאָלסט אַהיים גיין.

לעקערט

איך קען אַהיים נישט גיין איצט. —

רייזל

(צו דעם ווייב)

נו, מיין פריינט, ס'איז דאָך נישט גוט אַזוי. ער וועט אַליין קומען שפּעטער.

ווייב

ער וועט נישט קומען. איך ווייס. ער האָט פּיינט די שטוב.

(פאַלט אנידער)

אוסישקין

וויינט נישט, ליבע פרוי. גייט אַהיים.

ווייב

איך טו עס קיינמאָל נישט. איך לויף נישט נאָך.
נאָר היינט — איך קען נישט מער —
אַ מענטש איז מקריב אַלץ. אַלעמען.

לעקערט

איך בין קיינעם נישט מקריב, נאָך זיך. זיך.
נו, קום, קום. אַן עק —

(נעמט זי פאַר די הענט, ציט זי מיט. זי לאָזט זיך פירן. ביי דער טיר גיט ער זיך אַ ריס אויף צוריק. מיט געשריי: „גיי אַוועק פון דאנען"-שטויסט ארויס דאָס ווייב. לעקערט זעצט זיך ביי אַ טישל געזונקען. שווערע שטילקייט.)

רחמיאלקע

טפו.

רחל

נישט געווען דאָ איסאַק?

אוסישקין

וואָס, נישטאָ אים טאַקע?

רחל

נישטאָ אים. פאַרפאַלן געוואָרן

(עס קומט אריין איינער מיט אַ מאָדנער שטילקייט, ווי אַ שאָטן. געבליבן שטיין ביים טיר. זיין מאָדנע בלייך פּנים ציט אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט.)

א ו ס י ש ק י ן

איר דאַרפט וועמען?

ש ט י ל ־ אַ ר יי נ ג ע ק ו מ ע נ ע ר

(מיט פיבערדיקע ליפּן)

קיינעם נישט.

א ו ס י ש ק י ן

וואָס שטייט אירביים טיר?

ש ט י ל ־ אַ ר יי נ ג ע ק ו מ ע נ ע ר

לאָזט מיך שטיין.

א ו ס י ש ק י ן

אַן אונזעריקער?

ש ט י ל ־ אַ ר יי נ ג ע ק ו מ ע נ ע ר

יע.

א ו ס י ש ק י ן

עפּעס וואַקלט איר זיך. זעצט זיך ביי אַ טיש.

ש ט י ל ־ אַ ר יי נ ג ע ק ו מ ע נ ע ר

ניין. ניין...

(פּויזע)

(עס קומט אריין איסאַק. ער איז אויסגעצערט. אָבער— שטייף אָנגעשטרענגט און ביטער.)

ר ח ל

(מיט דערשראָקענער פרייד)

איסאַק!

א ו ס י ש ק י ן

זע, ער לעבט דאָך. ווו ביסטו געוועןַ?

(אריינגעקומען פּיוול. געזעצט זיך לעבן וועלפּקען)

א י ס אַ ק

וואָס איז דער חילוק ווו איך בין געווען.

א ו ס י ש ק י ן

מיר זוכן דיך אַרום צוויי טעג שוין.

א י ס אַ ק

נישטאָ וואָס צו זוכן.

(נעמט אַרום זיין קאָפּ. זיצט געבראָכן)

ר ח ל

איסאַק.

א י ס אַ ק

לאָז מיך. (שטעלט זיך אויף) איר וועט אַלע אָנפאַלן אויף מיר.
איך ווייס... אָבער —

ר ח ל

וואָס ווילסטו טאָן?

א י ס אַ ק

(שטופּט זי אָפּ פון זיך)

איך זאָג אָפּן פאַר אייך אַלעמען.
איך קען נישט מער.

א ו ס י ש ק י ן

איסאַק!

א י ס אַ ק

איצט ווייס איך. איצט איז מיר קלאָר.
נישטאָ מער קיין ספקות.
איצט מוז איך זאָגן. איך מוז — —
דעם גאַנצן אמת. —

א ו ס י ש ק י ן

וואָס פאַר אַן אמת?

א י ס אַ ק

דעם אמת, וואָס איך זע —

ו ו ע ל פּ ק ע

רעדט קלאָר.

(אַלע קוקן מיט שטוינונג)

א י ס אַ ק

מיין משפט און מיין פסק.
קיין חילוק נישט ווער סע שפּילט זיך
מיטן מענטשנס לייב און לעבן, —
עס האָט קיינער אויף דעם נישט קיין רעכט. קיינער.
נישט דער רשע און נישט דער צדיק.

דער וועג פון בלוט און טויט — נישט דער אמתער וועג.
ס׳איז דאָ אַן אַנדער וועג.

פייוול

וועלכער?

איסאַק

דער געדולדיקער.

פייוול

פאַרשטעלטע רייד.

איסאַק

פאַרוואָס פאַרשטעלטע?—איך זאָג קלאָר:
מיר דאַרפן ענדערן אפילו דעם קאַמף מיט דער רעגירונג.

פייוול

זובאַטאָוושטשינע.

איסאַק

זובאַטאָוו איז אַ צאַרישער זשאַנדאַרם. —
אָבער ווען עס קומט אַ מענטש אַן ערלעכער —

פייוול

פאַרראַט!

ערשטער פון דער גרופּע

(שפּרינגט אויף)

נישט וואַרפן זיך מיט אַזעלכע זידלערייען.

צווייטער

מען מעג אַ טראַכט טון וועגן דעם, וואָס איסאַק רעדט.

ערשטער

ס׳איז דאָ אַ גרויסער אמת אין זיינע רייד.

וועלפּקע

ניין, ניין. עס קען נישט זיין. (צו רחלען) רחל, וואָס רעדט ער?

אוסישקין

(כאַפּט אָן איסאַקן פאַר די הענט מיט שרעק)

איסאַק, וואָס רעדסטו? (שרייט) חברים,
ער רעדט פון פאַרצווייפלונג

א י ס אַ ק

בּיין. נישט פון פאַרצווייפלונג.

פ י י ו ו ל

ער האָט פאַרראַטן דעם „בונד“. פאַרראַטן די רעוואָלוציע.

(לויפט צו צו לעקערטן, וועלכער זיצט איינגעקלאַמערט דעם קאָפּ אין זיינע ביידע הענט)

הירשל, דו הערסט וואָס דאָ טוט זיך?

דו הערסט? —

(לעקערט קוקט מיט אויפגעשראָקענע בליציקע אויגן איינגעגען אין איסאַקן און שווייגט.)

פ י י ו ו ל

מיין לערער געווען. אַגיטירט מיך.

און אַז געקומען צו טון — דערשראָקן זיך.

צי ווער האָט מיך געשיקט אָפּשלאָגן אַרעסטירטע,

מאָרדעווען שפּיקעס און שטרייקבּרעכער—נישט איר דען?

פּיוול, הייסט עס, האָט גראָבּע הענט—מעג ער.

און איצט ווילט איר זיך די איידעלע הענט אָפּווישן און פּטור.

און דאָס גאַנצע בּלוט איבּערלאָזן מיר—דעם אָרימען פּיוולען?

א י ס אַ ק

(צו פּיוולען)

משפּט מיך.

פ י י ו ו ל

דערלאַנגט עמיצן אַ רעוואָלווער און זאָגט:

דערשיסט מיך.

א י ס אַ ק

(נעמט ארויס א רעוואָלווער, דערלאַנגט פּיוולען)

נאָט. שיסט.

ר ח ל

(רייסט דעם רעוואָלווער פון זיין האַנט)

בּיסט אַרונטער פון זינען.

א י ס אַ ק

דו בּיסט אויך קעגן מיר. איך וויים.

רחל

איצט איז נישט די פראַגע פון מיר און דיר.
ס'איז דאָ עפּעס גרעסערס פון אונז ביידן. —
(איר גאַנצער גוף ברעכט זיך. לויפט צו. כאַפּט אַרום איסאַקן)
זאָג, אַז ס'איז נישט אמת. זאָג, ס'איז אַ שטימונג געווען.

איסאַק

(קלאַמערט זיך אָן רחלס הענט)
איך קען דאָס נישט זאָגן.

רחל

(מיט שטרויכלענדיקע פיס זעצט זיך אַרונטער)
איך האָב דיך ליב. איך זאָג דאָס אָפן פאַר אַלעמען.
און פאַר אַלעמען בעט איך דיך, נעם צוריק דיינע רייד.

איסאַק

זאָגסט דאָך אַליין, אַז איצט איז נישט די פראַגע פון מיר
און פון דיר.

רחל

אָבער איצט איז נאָך מער נישט די צייט צו קומען מיט אַזאַ
פאַרצווייפלונג.

איסאַק

ס'איז מיין אָנטשלאָסנקייט.

רחל

(בייט זיך מיטאַמאָל, גלייכט זיך אויס, זאָגט פעסט)
נעם צוריק דיינע רייד, וואָס דו האָסט גערעדט.

איסאַק

און אַז נישט?
(איסאַק שטייט אַ ווײַלע, נעמט זיך שאַרן צום טיר.
אויך די פון דער גרופּע הויבן זיך אויף און ווילן
זיך לאָזן גיין. לעקערט מיטאַמאָל שפּרינגט אויף,
לויפט צו צום טיר, פאַרשטעלט איסאַקן דעם וועג.)

לעקערט

(בלייך, זיינע ציין קלאַפּן אזש)
איר וועט נישט גיין איצט פונדאַנען.

איר וועט נישט גיין, זאָג איך.

שטימען

וואָס מיינט דאָס?

לעקערט

אָט דאָ זייט, זאָג איך. אָט דאָ.
איך וועל אייך צווינגען מיט געוואַלד, וועל איך אייך.
איר קוקט מיך אָן —
איך בין הירשקע פייף, הירשקע פּאַטש,
איך בין הירשקע ליידאַק, —
איך הער — איר רעדט, איר קאָכט זיך —
(קלאַפּט זיך אין הארצן)
אָט דאָ־אָ הערט זיך צו. אָט דאָ־אָ —
(שטרעקט אוים זיין האַנט)

איסאַק

לאָזט מיך אַרויסגיין.

לעקערט

(גייט אים אנטקייגן מיט רציחה)
זידלען זאָל איך אייך? שלאָגן זאָל איך אייך?
צי איך זאָל הויבן מיינע הענט אויף חברים,
צי איך זאָל דאַרפן זאָגן אַ גראָב וואָרט —
איי—איי—איי — וועמען? אונזער פאָרשטייער?
(צו אוסישקינען)
איך פאַרשטיי דאָך נישט.
וואָס וויל ער?
איך הער ער זאָגט עפּעס: בלוט.
ער זאָגט עפּעס: משפט, פּסק.
וועמענס בלוט? וועמענס?
(טייטלט מיטן האַנט צו איסאַקן)
זיין בלוט, צי דאָס בלוט פון די געשמיסענע!

שטיל־אַריינגעקומענער

(ווי ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ביים טיר אַ ווייטער.

א פרעמדער, האלט נישט אויס מער, גיט א געשריי א פיינלעכן׳
זאָל מען שווייגן!

(טוט א פאַל מיטן גאַנצן גוף צו דער ערד, ווי א
שטיק האָלץ. אַלע צו אים. מען הויבט אים אויף)

אוסישקין

(מינטערט אים)

וואָס איז אייך?

שטיל-אַריינגעקומענער

(מיט ווייטיק-געשריי)

רירט זיך נישט צו צו מיין לייב!

(אַלע שטייען פארגליווערטע)

אוסישקין

ווי איז אייער נאָמען?

שטיל-אַריינגעקומענער

(מיט פליסטער)

דער דרייסיקסטער געשמיסענער. —

באַלעבאָסטע

מיר'ן אים אָוועקליינגן אין אַ בעט, חברים.

(באַלעבאָסטע און אוסישקין און רחמיאלקע און יאָשקע און
נאָך אַפּאָר פירן אים אַרוים אונטער די הענט. אַלע שטום.
פון הינטערן וואַנט הערט מען דעם געפּייניקטנס קרעכצן.)

לעקערט

(צו איסאַקן, מיט אַן אויפגעלויכטענער זיכערקייט)

איצט קענט איר אייך גיין.
איצט קענט איר אַלע גיין.
דער באַלעבאָס איז איצטער ער—דער געשמיסענער.
און וואָס ער הייסט מיר טון, וועל איך פאָלגן.
איך ווייס שוין וואָס מען דאַרף איצט טון.
איצט ווייס איך שוין. — —

(פאָרהאַנג)

בילד פינף

(ביי לעקערטן. אזייגער צען אין אָוונט. מאמע קראנק. ווייב זיצט לעבן איר. רחל און רייזל דרייען זיך אַ־רום אומגעדולדיקע איבערן שטוב. קוקן אַלע ווײַלע אין פענצטער. סטארען זיך די אומגעדולדיקייט צו באהאלטן. עס ברענט א קליין לעמפל.)

ר י י ז ל

נו, ווי פילט איר, באָבינקע?

אַ ל ט ע

(מיטן פנים צום וואנט)

עס ווערט נישט בעסער, טאָכטערל.

ו ו י י ב

סטאַרעט זיך איינצושלאָפן.

אַ ל ט ע

איך סטאַרע זיך. איך סטאַרע זיך.

ר ח ל

לייגט זיך אויך צו ביז וואַנען די געסט וועלן קומען.

אַ ל ט ע.

וואָס פאַר אַ געסט?

ו ו י י ב

עפּעס דאַרפן געסט קומען, זאָגן זיי, צו הירשקען.

ר י י ז ל

יע, באָבינקע, הירשקע וואַרט אויף זיי.

ר ח ל

און אַז זיי וועלן קומען, וועלן מיר אַלע פאַרברענגען.

ר י י ז ל

לכבוד הירשקעס צוריקקומען פון קאַטערינאָסלאַוו.

אַ ל ט ע

אַזוי שפּעט?

ר י י ז ל

פאַר שמחות איז קיינמאָל נישט שפּעט, באָבינקע.

אַ ל ט ע

(הייבט זיך אויף, קוקט)

ווו-זשע איז הירשקע אַליין?

ו ו י י ב

ער קומט און לויפט אַוועק צוריק. אַלע ווײַלע, אַלע ווײַלע. איז נאָר-וואָס אַרויסגעלאָפן.

אַ ל ט ע

ביסט פאַרמאַטערט, טאָכטערל. (גלעט זי) קוקסט מיר נישט אויס ווי פאַר אַ שמחה.

ו ו י י ב

(זיצט מיטן קאָפּ אַרונטער)

ר י י ז ל

מיר'ן אייך העלפן אויפנעמען די געסט.

(אַלטע לייגט זיך צוריק)

ו ו י י ב

שלאָפט איין, שוויגער. (צו רייזל'ען) דאַרף מען דאָך עפּעס צו-גרייטן. אַ לײדיקע שטוב ביי מיר.

ר ח ל

זיי וועלן שוין אַלץ אַליין ברענגען.

ו ו י י ב

אַ פּעקל טיי כאָטש אָנגרייטן, אַ פונט צוקער.

(בייגט זיך איבער דער שוויגער) זי שלאָפט, דאַכט זיך. איך וועל באַלד צוריקקומען. (לאָזט זיך גיין)

ר י י ז

האָט איר כאָטש געלט?

ווייב

איך וועל צובאָרגן. (אָפּ)

רחל

(מיט אימפּעט)

וועל איך צולויפן צום צירק אַ קוק טון.

רייזל

ס'איז נאָך זייער פרי.

רחל

איך קען אָבער נישט איינזיצן.

רייזל

און איך קען דען? (זי בייגט זיך איבער דער אלטער זי שלאָפט, יע.

רחל

אַזאַ רחמנות אויף די צוויי אָרימע פרויען.

רייזל

רייד נישט. (פויזע) אָבער אַז ס'וועט אָפּגילטן, וועלן מיר נישט בלייבן קיין ליגנערס. מיר'ן טאַקע מאַכן אַ שמחה.

רחל

ווי פילסטו? ס'וועט אָפּגילטן?

רייזל

עס מוז. אַזוי פיל חברים העלפן אים. אפילו דער שוואַכער אוסישקין. וואָלסט אים באַדאַרפט אָנקוקן, אסישקינען.

רחל

(באהאלט איר קאָפּ אויף רייזלען. צוקט מיט די אַקסלען)

און איטאַק? ווו קען ער זיין?

רייזל

וויין נישט, שוועסטער.

רחל

(גלייכט זיך אויס)

איך וועל לויפן צום צירק.

רייזל

הירשקע וועט נאָך אַליין באַלד אַריינקומען.

ער האָט אַזוי געזאָגט. וואָס ווייניקער ער דרייט זיך אַרום צירק, איז בעסער. ס'איז נאָך פרי.

רחל

איך קען נישט איינזיצן.

(אָפּ. רייזל ציטערט אויף פון יעדן קלאַנג. עס קומט אַריין איסאַק. צעשויבערט, אָפּגעריסן, פאַרוואַקסן.)

רייזל

(מיט שרעק)

איסאַק! פון וואַנען קומט איר?

איסאַק

אָט. איך קום. דאָ וווינט לעקערט?

רייזל

דאָ.

איסאַק

וואָס האָט איר אויסגעשטעלט אַזוינע צעשראָקענע אויגן אויף מיר?

רייזל

איר זעט אויס שרעקלעך. ווו זייט איר געווען די גאַנצע צייט? אין אַ וואַלד?

איסאַק

אפשר. רחל וויל אויך וויסן, ווו איך בין געווען?

רייזל

אָבער זען היינט וויל זי אייך נישט.

איסאַק

אָבער איך וויל זי זען.

רייזל

נישט היינט.

איסאַק

און לעקערטן קען איך זען?

רייזל

אויך נישט היינט.

א י ס אַ ק

מעג איך זיך צוזעצן אַביסל? (וואַרט נישט אויף קיין ענטפער און זעצט זיך.)

ר י י ז ל

(קוקט אים נאָך מיט מורא)

ווי איר זעט אויס?! (פאַרברעכט מיט די הענט)

א י ס אַ ק

ווער ליגט דאָ?

ר י י ז ל

לעקערטס מאַמע. אַ חולה.

(עס קומט אריין לעקערט. בלייבט שטיין ביי דער טיר א דערשראָקענער, דערזעענדיק איסאַקן)

א י ס אַ ק

(צו אים)

איר וועט מיר אַנטשולדיקן.

ל ע ק ע ר ט

איך בין היינט פאַרנומען.

א י ס אַ ק

איך וויל זען רחלען.

ל ע ק ע ר ט

ניין, נישט איצט.

א י ס אַ ק

איך וועל אייך נישט שטערן.

ל ע ק ע ר ט

(נאָענט צו אים)

וואָס האָט איר געטון מיט זיך? זיך גענומען און צעפּטרט אויף טויט.

א י ס אַ ק

און איר וועט שטאַרבן, מיינט איר, אַן אַנדער טויט?

ל ע ק ע ר ט

(צו רייזלען מיט פאַרצווייפלונג)

רייזל, וואָס איז ער געקומען?

איסאַק

איך בין געקומען וואָרענען.
איך בין געקומען אָפּהאַלטן אייער האַנט —
אַפילו פון כּאָן וואַלן.

לעקערט

(אויסער זיך)

פון וואַנען ווייסט איר?

איסאַק

ס'איז קיין סוד נישט.

לעקערט

איר זייט איצט אַ פרעמדער צו אונז.
איר האָט נישט קיין רעכט זיך אַריינצומישן.

איסאַק

איך ווייס, אַז איך האָב נישט קיין רעכט. איך ווייס.
איך בין געקומען נישט עצות געבן,
נאָר זאָגן אייך, וואָס איך זע. ווייט. ווייט.

לעקערט

איך ווייס, וואָס איר זעט. איך קען אייך שוין.
איר האָט איין מלאכה—אונטערהאַקן יענעם די פיס.
און מוטנע מאַכן יענעם אויף דער נשמה —
איר זעט נאָר פינצטערקייט.

איסאַק

יע. איך זע זי.
און איך זע אויך די פייערן, וואָס צינדן זיך אָן אין איר.
פייער אויף פייער, און טויט אויף טויט.
איך זאָג אייך: חורבן קומט. חורבן פון מענטש.

לעקערט

צוליב וואָס זייט איר דאָס מיר געקומען זאָגן?

איסאַק

איך זאָג אייך נאָכאַמאָל:
אַלע וועלן בלייבן שטעקן אין בלוט
אין פאַרשימלטן און פוילן.

ווייל פוילן פוילט יעדנס בלוט,
צי אייערס, צי פאָן וואַלס, צי מיינס.
איין בלוט ביי אַלעמען. איין ריח און איין קאָליר.
און ס'וועט קערן גרין און גאַל פון אַלעמען.

לעקערט

איר רעדט פאַסקודנע רייד
מיט אַ שבתדיקן לשון.

איסאַק

אַפילו רחלען האָט איר צוגענומען.

לעקערט

איר רעדט, ווי אַ משוגענער. גייט פון דאַנען.

איסאַק

וווהין זאָל איך גיין?—נאַרישער לעקערט.
איר זייט פאָלקסמענטשן, פשוטע קינדער,
און עס שלעפן זיך אייך נישט נאָך קיין האָרבן,
און איר ווערט נישט צעריסן פון טרויער,
און איר זייט אייביק מיט גאָט, אייביק.
אַז איר וועט גיין שיסן פאָן וואַלן,
און נאָכדעם, אַז איר וועט קענען אַנטלויפן,—
וועט איר אַנטלויפן,
אָבער איך, אַז איך וועל דערשיסן איסאַקן,
וועל איך שוין נישט קענען אַנטלויפן.
איך מוז זען רחלען. דערלויבט מיר.

לעקערט

(מיט קלאַפנדיקע ציין)

זי איז נישטאָ דאָ.

איסאַק

וועל איך קומען נאָך אַמאָל. (גיט אַ כאַפּ לעקערטן ביים האַנט)
געדענקט מיינע רייד צו אייך.
און אויב איר וועט נישט פאָלגן—זאָג איך אייך:
אייער האַנט זאָל נישט טרעפן. (אָפּ)

לעקערט

(כאפט ארום דער אויף טויט-צעשראָקענער רייזלען)

ער איז אַרונטער פון זינען.

רייזעלע, חבר, פריינט—פאַרוואָס האָט ער מיך געשאָלטן?

איך גיי נעמען נקמה פאַר אַלע געפייניקטע. —

וואָס האָט ער געהאַט צו מיר?

ער האָט מיר מיין רעכטע האַנט צעטומלט. (זיצט פאַרלאָרן)

רייזל

(קושט אים)

הירשקע, נישט שרעק זיך. דיין האַנט וועט טרעפן.

(פעסט) שטיי אויף. איך הייס דיר.

לעקערט

רייזעלע, וואָס פאַר אַ טייערע נשמה דו ביסט.

זאָלסט מיך נישט פאַרגעסן.

אוי, ווו זענען אַלע?

רייזל

אָט זענען זיי דאָך. (עס קומט אריין רחל מיט דעם ווייב.)

לעקערט

(הינקט צו רייזלען, זי זאָל רחלען פארנעמען צוריק און ארויסגיין ביידע)

וואַרט אויף מיר אין גאַס. (זיי שלייכן זיך ביידע ארויס.)

ווייב

זע, זיי זענען נישט געוואָרן ביידע.

לעקערט

עס מאַכט נישט. זיי וועלן באַלד אַריינקומען צוריק.

ס'וועט זיין פריילעך, מיין ווייב, און מיר וועלן טאַנצן.

(נעמט זי ארום און דריקט זי צו זיך.)

ווייב

(איבעראשט פון פרייד)

וואָס איז מיט דיר, הירשקע?

לעקערט

דו ווילסט נישט, איך זאָל דיך אַרומנעמען?

ווייב

אַז דו טוסט עס אַזוי זעלטן לעצטנס.
דו לאָזט מיך איבער אַליין גאַנצע טעג, גאַנצע נעכט.
אין אַזוינע אומשטענדן מיינע.

לעקערט

נו, זיי מיר מוחל, ווייב מיינס, גוטע, געטרייע.

ווייב

(מיט טרערן, טוליעט זיך צו אים)

ביסט עפּעס אַזוי גוט היינט, ליבינקער מיינער.
אַז איך וויין אַזש פון שמחה. —

לעקערט

אַז איך בין אַלע מאָל פאַרדרייט, פאַרזאָרגט.
דו ווייסט דאָך, אַז איך בין נישט קיין שלעכטער.

(קושט זי)

ווייב

(צערודערט)

אַז איך בין נישט אין כעס אויף דיר, ליבינקער מיינער.
דו מיינסט, אַז כ׳ווייס נישט, וווּ דו גייסט אַוועק אין די אָוונטן.
איך ווייס, הירשקע, דו גייסט אויף סאָבראַניעס.
איך ווייס: דו ביסט איצט גאָר אַן אַנדערער,
און אַלע לייט האַלטן פון דיר.
טוט דאָס מיר אַוודאי גרויס הנאה,
אָבער דאָס האַרץ פונדעסטוועגן פאַרגייט מיר אין ציטערניש.

לעקערט

און איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט פיינט מיינע חברים.

ווייב

ניין, ניין, מאַכסט אַ טעות.
איך בין דאָך אָבער אַן עלנדער מענטש, הירשקע.

לעקערט

(דריקט זי צו זיך)

ביסט מיר אַ ווילע, אַ טייערע, אַ גוטע.

ווייב

איך האָב פאַר דיר אַ פריילעכע בשורה, ליבינקער,
געוואַלט דיר נאָך זאָגן אינדערפרי און געשעמט זיך.

לעקערט

וואָס?

ווייב

אינדערפרי נאָך. היינט. איך זאָג דאָך דיר.
(אך בין אַ גאַנצן טאָג אַזאַ גליקלעכע.
אוי הירשקע, אַז ס'וועט זיין אַ ייִנגעלע —
יפלוצלינג) וואָס איז מיט דיר, הירשקע? ווי דו ציטערסט!

לעקערט

זיינע פיס ברעכן זיך אים. ער פאַלט אויף אַ שטול)
ס'איז גאָרנישט. שרעק זיך נישט.
ס'האָט מיר עפּעס אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן. (שטעלט זיך צוריק) שוין. שוין. (קושט זי. רייסט זיך אָפּ פון איר. לויפט צו צו דער טומער. פאַלט צו צו איר פּנים. שפּרינגט אויף און לאָזט זיך צום טיר.)

ווייב

וווהין?

לעקערט

אַ גוטינקע נאַכט דיר. (אָפּ האַסטיק)

ווייב

(מיט געשריי)

וווהין איז ער אַוועק?
(לאָזט זיך לויפן, לויפט אַרויס, קומט אַריין צוריק, שטייט מבולבל. כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ, נעמט שרייען צו דער אַל-טער, וועלכע כאַפּט זיך אויך אויף מיט אַ ציטער)
וווהין איז ער אַוועק?

אַלטע

ווער, וואָס?

ווייב

הירשקע!

אַלטע

צו מײַנע שונאימס קעפּ. אַזױנע חלומות.
װער איז דאָס מיר געקראָכן איבערן פּנים?
און שיער מיר נישט אױסגעלעכערט די אױגן?

װײַב

(מיט געװײן)

מײַן האַרץ װערט מיר צעריסן — איך האָב מורא.

אַלטע

(הײבט זיך פון בעט, שפּרײט אירע הענט. זיצט איבער־גערעקט מיט די פיס אַרונטער)

טאַכטערל, טאַכטערל.

(עס קומען אַרײן רחל און רײזל מיט נאָך פאַרגרעסערטער פרײלעכקײט, װילן פאַרטושלען דעם שרעק פון די פרױען.)

װײַב

זאָגט מיר דעם אמת, װוּהין איז ער אַװעק?

רײזל

ער איז געגאַנגען ברענגען דעם גאַסט.

אַלטע

װידער מיט די געסט? װאָס פאַר אַ געסט אינמיטן נאַכט?

רײזל

אַ חברשע שמחה, באָבינקע. מ'װעט מאַכן טײ און מ'װעט טאַנצן.

אַלטע

קען מען דאָס נישט אָפּלײגן אױף מאָרגן?
איך בין אַ חולה. איך ליג צו בעט.

רחל

מאָרגן װעט שױן דער גאַסט נישט זײַן, באָבע.
און הײַנט איז ער דאָ. ער איז אין צירק,
און אַז ס'װעט זיך ענדיקן דער צירק, װעט ער אַרױסגײן.
און הירשקע װעט אים באַגעגענען און גײַך אים ברענגען.

אַלטע

װאָס פאַר אַ צירק? װאָס רעדסטו?

וויכּ

און מיר האָט ער אַפּילו נישט געזאָגט וועגן דעם.

רייזל

ער האָט געבעטן, אַז איך זאָל אייך זאָגן.

אַלטע

ס'איז דאָך אַזוי אָנגעוואָרפן אין שטוב. נישט צוגעקליבן.

(קריכט אַרונטער פון בעט)

רחל

איר דאַרפט זיין אין בעט.

אַלטע

נישט שיין צו ליגן, אַז געסט קומען. (צו רייזל און רחל)
וואָס-זשע שטייט איר אַליין ווי מבולבלע, האַ?

רחל

ניין, ניין, מיר זענען פריילעך.

(רייזל און רחל נעמען זיך ארום, קלאַמערן זיך איינע אין דער אנדערער. מאַכן זיך לוסטיק. עס קומט אריין זאַליע, גייט צו זיין קעמערל, שטעלט זיך אָפּ.)

זאַליע

גוט וואָך.

אַלטע

אַ גוט יאָר. אַ גוט יאָר.

זאַליע

אַ הוליעניש!

אַלטע

שבתענאַכט, ר' זאַליע. יונגוואַרג מאַכט זיך נאַריש.

זאַליע

געזען אַזוינס? נקבות. ס'איז מיין שטוב.

רחל

ווער נעמט צו אייער שטוב?

זאַליע

צונעמען?—נו נעם, נעם.
אָבער דערווייל איז מיין שטוב.

קומט מען זיך צו מיר און מען הוליעט! —
הפקר — וואָס?

רייזל

ביי אייער שכן. נישט ביי אייך

זאַליע

איך וועל אַריינלאָזן אַן אַנדער שכן.

ווייב

נו, האָט קיין פאַריבל נישט.

זאַליע

איך האָב פאַריבל. איך האָב. — טומל. שמחות.
וואָס איז די שמחה, האַ?
צופיל פיס דרייען זיך דאָ אַרום.
ליידאַקעס.

ווייב

ווער?

זאַליע

מען דרייט זיך. — נעכטן, אייערנעכטן.
חברות.
ווילנע ווײנט. ווילנע קלאָגט.
און חברות ליאַרעמען, זינגען. — מופקרים.
און דיינער אויך. איך ווייס. אַן אָסטראָזשניק.

ווייב

נישט פאַר גנבה, חלילה.

זאַליע

הלוואַי פאַר גנבה, הלוואַי. (קערט אָפּ דאָס פּנים פון זײ)
נו קלאָגט ווילנע, נו קלאָגט זי—וועמענס דאַגה?
און וואָס איז היינט ווילנע? — יידלעך,
וואָס שרייען מיט גרויסע מײלער.
זאָלן זיי שרייען אין דר'ערד אַריין.
און אַז מען קלאָגט—איז אויף וועמען קלאָגט מען?
צי אויף די מורדים קלאָגט מען —

צי אויף די רשעות פונעם רשע קלאָגט מען —
צי, אפשר, אויף די געשמיסענע אחורס, האַ?

(אָפּ צו זיך מיט אַ קלאַפּ אין טיר. שווערע שטילקייט. פון קעמערל דערטראָגט זיך גלייך זאַליעס קול פון לערנען. ביז, פארקלעמט און שניידנדיק ווי אַ מעסער. עס דערהערן זיך פון גאַס געוואלד-געשרייען, געלויפעריי, טופעריי פון פערד, געפייף און שיסעריי.)

וויב

(מיט געהאַלדן)

ווו איז הירשקע?

(לויפט ארויס. נאָך איר רחל און רייזל און אויך די אלטע, קוים-קוים שלעפּנדיק זיך. זאַליע לויפט ארויס פון קעמערל)

זאַליע

(שרייט)

וואָס איז דאָ?

מענדל

(פליט אריין ווילד מיט צעשליידערטע עמער אויף די צקסלען, מיט פרייד-געשריי)

ער האָט אים! ער האָט אים!

זאַליע

מענדל, וואָס איז?

מענדל

(טאַנצט)

ער האָט אים געפּאַקט, הירשקע.

זאַליע

וועמען?

מענדל

ער האָט אים צורעכט געמאַכט. דעם תליון.

(פאָרהאַנג)

בילד זעקס

(טויטן-קאמער אין ווילנער טורמע. שפעט אין דער נאכט. לעקערט זיצט אויפן דיל מיט דער פלייצע צו דער טיר און צייכנט צייכנס מיט א קויל אין האנט. ער קוקט אויס ווי א יינגל, וואס איז פארנומען מיט עפעס א שפילעריי. זייער שטארק פארטאן. אויף די פיס קייטן.)

ו ו ע כ ט ע ר

(דורך די גראטעס פון טיר)

וואס טוסטו דארט?

ל ע ק ע ר ט

(קערט זיך נישט אום, אזוי ווי נישט אים מיינט מען)

ו ו ע כ ט ע ר

(קלאפט מיטן שליסל)

העי, שטעל זיך אויף דארט. טשודאק אזוינער.

ל ע ק ע ר ט

לאז אפ, מענטש.

ו ו ע כ ט ע ר

אז איך וועל ארייַנקומען —

צ ו ו י י ט ע ר ו ו ע כ ט ע ר

וואס רעדסטו אסך? עפן די טיר און דערלאנג אים —

ל ע ק ע ר ט

(אין זעלביקן טאן, ווערט נישט נתפעל)

אוועק, מענטש.

(עס שליסט זיך אפ די טיר, געקלאפ און געקרעבץ פון

שלאָס אין דער שטילקייט. עס קומט אריין דער וועכטער.
אין האַנט אַ גרויסער שליסל. אויפן גאַרטל אַ רעוואָלווער.)

ו ו ע כ ט ע ר

דו הערסט וואָס מען רעדט צו דיר?

ל ע ק ע ר ט

(זיצט אין דער זעלביקער פויזע)

איך בין נישט טויב.

ו ו ע כ ט ע ר

וועל דיך אין קאַרצער נעמען.

ל ע ק ע ר ט

נעם.

ז ו ע כ ט ע ר

נעם — ווי קען איך דיך נעמען? שוין קיין צייט נישטאָ.

ל ע ק ע ר ט

אַוודאי נישטאָ. די לעצטע שעה.

ו ו ע כ ט ע ר

לעצטע שעה, יאָלדאַק אַזוינער.
וואָס פאַרשמירסטו די פּאָדלאָגע מיט קויל?

ל ע ק ע ר ט

איך שמיר נישט, איך מאָל.

ו ו ע כ ט ע ר

וואָס מאָלסטו?

ל ע ק ע ר ט

דו זעסט נישט?

ו ו ע כ ט ע ר

(קוקט זיך צו, שפּרינגט אָפּ אין שרעק)

תליות?

ל ע ק ע ר ט

איך האָב אויסגעמאָלט מיין תליה,
ווי זי וועט אויסזען פאַרטאָג, באַלד.

ו ו ע כ ט ע ר

מיט די אייגענע הענט? ווער טוט עס אַזוינס?

לעקערט

קריג מיר נאָך אַ קויל. קריג מיר —

וועכטער

ביסט אַ קינד, צי אַ טייוול — זאָג מיר.

טפו זאָלסטו ווערן — (אַ צווייטער וועכטער קומט אריין)

קוק נאָר וואָס ער טוט. תּליות מאָלט ער.

צווייטער וועכטער

פון וואַנען ווייסטו, ווי אַ תּליה זעט אויס? האָסטו געזען ווען?

לעקערט

ניין. און דו?

ערשטער

געזען.

לעקערט

נו, איז עס ריכטיק?

ערשטער

ריכטיק, ריכטיק, טשודאַק אַזעטיקער.

צווייטער

צו וואָס האָסטו עס אינגאַנצן באַדאַרפט, האַ?

אין פלאַם פייער קריכן, אויפן גובערנאַטאָר שיסן? —

לעקערט

איך האָב גענומען נקמה פאַר מיינע ברידער.

צווייטער

סיי־ווי־סיי נישט געטראָפן.

לעקערט

געטראָפן.

צווייטער

אַ ריכטיקער שיסער ביסטו מיר. זיין עקסעלענץ דער גובער־נאַטאָר לעבט דאָך.

לעקערט

ניין, ער לעבט נישט.

צווייטער

או, טייוול, מען זאָגט דאָך דיר—ער לעבט.

ל ע ק ע ר ט

זאָל ער זיך לעבן פאָן וואַל. מיך אַרט נישט. אָבער דער גו-בערנאַטאָר איז טויט.

צ ו ו י י ט ע ר

דו ווייסט כאָטש וואָס דו רעדסט? דערוויילע שטאַרבסטו — פאַרדריסט עס דיר גאָרנישט?

ל ע ק ע ר ט

איך האָב איבערגעלאָזט אַזאַ שיינע וועלט —
פאַרדריסט עס מיר אַוודאי.

א ו י ס ג ע ש ר י י ע ן

(פון די קאָרידאָרן דערטראָגן זיך)

זאָל לעבן הירש לעקערט!

ב י י ד ע ו ו ע כ ט ע ר

(לויפן אַרויס, פאַרהאַקן די טיר. מען הערט זייער געלויפעריי און ווי זיי קלאַפן מיט די שליסלען איבער אַלע טירן און זייערע דראָאונגען)

שווייגן. שווייגן.

ד ל ע ק ע ר ט

(האָט פאַרבראָכן מיט די הענט, איז צוגעפאַלן מיטן פנים אַראָפּ צום בעטל. ס׳הערט שטיל. לעקערט הייבט זיך אויף, זיצט. שטעלט זיך. גייט צו צום וואַנט און נעמט צייכענען אויף דער הייסער וואַנט אַ גרויסע תליה אינעם גאַנצן הויקס פון אַ מענטשן. וועכטער עפנט ווידער די טיר.)

ו ו ע כ ט ע ר

הער שוין אויף מיט די קוילן. דייניקע קומען זיך זעגענען מיט דיר.

(דער וועכטער לאָזט אַריין דעם פעטער, מאַמען, ווייב און מענדלען. לעקערט שטעלט זיך מיט דער פלייצע צו דער וואַנט צו פאַרשטעלן אַ טייל פון די צייכענונגען. די אייגענע, ווען זיי קומען אַריין, בלייבן שטיין ביי דער טיר. לעקערט, העלנדיק פאַרשטעלן דאָס געמעל, רירט זיך נישט פון אָרט. קומט אויס אַפּאָר רגעס, ווען איינע אַנטקעגן די אַנדערע

שטייען אין אַ שטילן אָנקוקעניש. די פרויען האַלטן אײַן זייער געוויין ביז עס פּלאַצט אַרויס און זיי לויפן צו צו אים און כאַפּן אים אַרום.)

לעקערט

אַלעמאַי זאָלט איר וויינען?

פּעטער

(צו די פרויען)

האָבן מיר דאָך עפּעס אָפּגעמאַכט.

ווייב

אַז אויף וועמען לאָזטו מיך איבער?!

מאַמע

זון.

לעקערט

וויינט אָפּ און מער נישט. (נעמט אַרום דעם פּעטער)

איר זייט דאָך עפּעס אַן אונזעריקער, אַ שוסטער.

מענדל

(ביים טיר. די הענט ציטערן אים)

איך וויין נישט, הירשקע.

לעקערט

קום צו צו מיר, מענדל.

מענדל

(צו. כאַפּט לעקערטס הענט. זיין פּנים צעגאָסן אין פייערלע-כער פאַרגעטערונג)

הירשקעלע!

לעקערט

(נעמט אים אַרום)

לאָז קיינעם נישט וויינען נאָך מיר.

מענדל

איך וועל דיך פאָלגן.

לעקערט

איך שטאַרב פאַר אַ הייליקער זאַך. פאַר דער אַרבעטער-זאַך.
(נעמט אַרום דאָס ווייב) ביסט דאָך מיר אַ גוטע, אַ טייערע.

איך פאַרשאַף דיר אַזוי פיל יסורים —
וועסט דאָך אויף מיר קיין פאַרדרוס נישט טראָגן.

ווייב

אוי, ס׳איז דאָך שוין אַלץ פאַרפאַלן.

(ווייב קען זיך נישט באהערשן. אירע פיס ברעכן זיך צום פאלן. פעטער און מענדל האלטן זי צו.)

לעקערט

(מיט שטארקייט און באצווינגונג)

וויינט נישט.

(די פרויען באהערשן זיך, ווערן שטארקער ביי זיך אונטער דעם קוק פון לעקערטס אויגן, וואָס נעמט זיי דורך. אויך דער פעטער)

פעטער

(ווייזט אויפן געמעל)

צו וואָס טוסטו דאָס?

לעקערט

דער סוף.
געוועזן שוין. —
שוין נאָך אַלעמען,
שוין נאָך דער תליה.
איז דאָך מיר שוין גוט איצט.
קענט איר דאָך אַוודאי שוין רויק זיין.
און אַלץ וועט שוין איצטער צוגיין שנעלער.

מאַמע

(האלט עס נישט אויס)

זונעלע, שרייב אונטער אַ פאַפיר מען זאָל דיר מוחל זיין.

לעקערט

(טרייסלט מיט די הענט)

מאַמע! — (צו מענדלען) דו ווילסט אויך איך זאָל בעטן?

מענדל

הירשקעלע, בעט נישט.

לעקערט

אַ דאַנק דיר, ברודערל, איך וועל דיר דערפאַר אַ קוש טון.

(נעמט אים ארום און קושט אים)

מענדל

איך ווייס וואָס דו מיינסט. איך ווייס:
די אַרבעטער וועלן איינעמען די גאַנצע וועלט —
אַלע מענטשן וועלן ווערן ברידער. —

לעקערט

יע, מענדל, יע.—אַלע מענטשן. אַלע —

מענדל

איך וועל דיך נאָך באַגעגענען אויבן גאַס, הירשקעלע,
דו'סט דאָך מיר דערקענען.
וועסט דערזען מיינע עמערלעך אויף מיינע פלייצעס —

לעקערט

איך וועל דיך גלייך דערקענען.

מענדל

לאָמיר דיך נאָכאַמאָל אַ קוש טון —

(נעמט אים ארום. טרעט אָפּ אויף צוריק. שטייט אויסגע-
גלייכט. זיינע אויגן ווערן אַזוינע דורכגעדרונגענע, קלוגע,
פול מיט דערקענטעניש און אויפגעלויכטנקייט)

זאָלסט נישט מורא האָבן, הירשקע, —
אַז דו וועסט פון דאַנען אַרויסגיין פאַרטאָג,
זאָל זיך דוכטן, אַז דו ביסט אויך אַ וואַסערטרעגער,
און דו גייסט און דו טראָגסט צוויי עמערלעך אויף די אַקסלען.
דו הערסט, הירשקע?

לעקערט

איך הער.

מענדל

ביסט געווען ביים ברונעם און אָנגעשעפּט זיי פולע,
דאַרפסטו גיין רויק און נישט הוידען זיך צופיל —
קיין טראָפּעלע נישט פאַרגיסן,
אַזוי ווי אַ גוטער וואַסערטרעגער.

לעקערט

טייערער ברודער דו! (ברעכט צוזאַמען. מענדל כאַפּט אים אונטער)

מענדל

הירשקעלע, דו וויינסט דאָך —
ווײַן נישט.
אַפילו ביי מיין טאַטן איז די שמחה אַ גרויסע.

לעקערט

(שטעלט זיך אויף. צוריק שטאַרק)

אַלעמאַי טאַקע זאָל איך וויינען,
אַז איך לאָז דאָך איבער אַזוי פיל ברידער אויף דער וועלט.
אַזוי פיל חברים.
און איך — ווער בין איך?
טאָ אַלעמאַי טאַקע זאָל איך קלאָגן.
איך וואָלט וועלן נאָר פאַרלאַנגען,
מען זאָל מיך כאָטש אַביסעלע געדענקען —
און דו, מיין ווייב, אַז דו'סט געבוירן אַ יינגעלע —

וועכטער

געענדיקט.

(פרויען פאַלן צו לעקערטן, מענדל רייסט זיי אָפּ)

מענדל

נישט וויינען.

(פירט מיט גרויס קראַפט אַלעמען צו דער טיר. קיין געוויין. אַלע גייען אָפּ הינטערוויילעכטס, די פּנימער נישט אָפּקערנדיק פון לעקערטן. לעקערט שטייט דורכגעלויכטן, רויק, און באַגלייט זיי מיטן קוק. מענדל אַלץ מער און מער אויך אויפשיינענדיק, דער לעצטער אָפּ. אַז די טיר פאַרהאַקט זיך, דערהערט מען, ווי דאָס פרויען-געוויין גיט אַ בראָך ארויס, אָבער ווערט גלייך אָפּגעהאַקט ערגעץ. עס קומט אריין דער ראַבינער. לעקערט קוקט ערגעץ אין זיין אויפגעלויכטנקייט, זעט נישט, הערט נישט.)

ראַבינער

אין די לעצטע מינוטן פון לעבן —

לעקערט

הא?

ראבינער

יעדער מענטש דארף זאָגן ווידוי.

לעקערט

אַז איר וואָלט הערן, וואָס מענדל האָט גערעדט —

ראבינער

וועלכער מענדל?

לעקערט

מיין חבר פון קינדהייט
ווען איך זאָל זאָגן דעם גוטן מענדלען:
שטעל אונטער דו דיין האַלדז פאַר מיר —
וואָלט ער אונטערגעשטעלט. און איר — נישט.
טאָ צו וואָס זאָלט איר קומען?

(פויזע)

ווידוי? —

איך פאַרלייקן דאָך גאָרנישט.
און מיין האַרץ איז מיר ריין.
און מורא האָבן פאַרן טויט איז דאָך אַוודאי נישט שיין.

ראבינער

און דערווייל האָט איר פאַרגאָסן בלוט און שיער נישט אַ מאָרד באַגאַנגען.

לעקערט

(ציטערט אויף)

בלוט? — האָט איר דאָס זעלביקע געזאָגט אויך פאַן וואַלן,
ווען ער האָט פאַרגאָסן דאָס בלוט פון מיינע ברידער?

ראבינער

(שווייגט)

לעקערט

וועט איר אים זאָגן היינט, אַז ער פאַרגיסט בלוט?
וועט איר אים זאָגן?

ראַבינער

(שווייגט)

לעקערט

(מיט דראַנג)

וועט איר אים זאָגן? וועט איר אים זאָגן?

(זיינע רייד, ווי הענט, שפּאַרן דעם ראַבינער צו דער טיר צו. ראַבינער קען נישט אויסהאַלטן דעם דרוק פון זיי. הינ־טערוויילעכטס אָפּ, אַ שטומער, אַ פאַרלאָרענער. לעקערט, צי־טערנדיק מיט אַלע אברים, גיט זיך אַ זעץ אַרונטער אויפן בעטל. באַהאַלט דאָס פּנים אין די הענט, די טיר האַלט זיך אין פאַרשליסן, ווען עס דערטראָגט זיך אַ קאָמאַנדע־אויס־געשריי מיטאַמאָל: סמירנאָ! די טיר עפנט זיך צוריק)

וועכטער

(מיט שרעק)

סמירנאָ! אויפשטיין!

(עס קומט אַריין פאָן וואַל אַרומגעריינגלט מיט אַ סוויטע וועכ־טער און הויפּטאויפזעער. לעקערט גיט אַ הייב דעם קאָפּ, אָבער שטעלט זיך נישט אויף.)

וועכטער

(אַ צווייט מאָל)

אויפשטיין!

(לעקערט שטעלט זיך נישט אויף. וועכטערס גיבן זיך אַ וואָרף צו אים.)

גובערנאַטאָר

(האַלט זיי אָפּ)

זאָל ער זיצן.

(מאַכט אַ טריט נענטער צו לעקערטן, קוקט זיך איין אין אים)

אַזאַ יונגער נאָך. (צו לעקערטן) ווי אַלט?

לעקערט

וויפל מען דאַרף.

גובערנאַטאָר

אָט ווי, נאָך צו יונג צו זיין אַזוי פעסט.

לעקערט

פעסט נאָך מער ווי יונג.

גובערנאַטאָר

איך קען אָפּשטעלן דעם טויט, איב —

לעקערט

איך בעט נישט איצטער קיין מחילה.

גובערנאַטאָר

היינט פאַרוואָס אַזוי בלייך דאָס פנים?
און די ציין הער איך קלאַפּן.

לעקערט

זיי וועלן קלאַפּן און אויפהערן.

גובערנאַטאָר

טאַקע אַזוי-אָ—אַ פּראָסטער שוסטער?

(לעקערט קערט זיך אוועק מיטן פנים)

טאַקע אויף אַן אמת מיך געוואָלט דערשיסן?

לעקערט

אַז מיין קויל האָט נישט געטראָפן, איז אַוודאי אַ פאַרדראָס —
אָבער איצטער אַרט דאָס מיך נישט.—נאָך בעסער.
מערדער וועט אויף אייביק בלייבן פאָן וואַל, נישט איך.
און אַז איך האָב נישט אויסגעפירט, וועט אויספירן מיין חבר.

גובערנאַטאָר

ווער איז ער?

לעקערט

מיין חבר פון דער גאַנצער וועלט.

(ער שטייט אויסגעצויגן מיט אן אויפגעהויבענעם קאָפּ. פון די קאָרידאָרן דערטראָגן זיך אויסגעשרייען)

אויסגעשרייען

זאָל לעבן הירש לעקערט!

גובערנאַטאָר

איינשטילן. פאַרטויבן. פאַרפויקן.

(טרומייטעריי, געקלאַפּעריי פון שלעסער און שליסלען)

גרייט מאַכן די תליה אויף וואָיענע פאָליע.

הויפט פון טורמע

אַלץ איז גרייט, עקסעלענץ.

גובערנאַטאָר

און גלייך לעבן דער תּליה דעם קבר.

הויפּט

אַלץ וועט זיין גרייט, עקסעלענץ

גובערנאַטאָר

דאָס גאַנצע מיליטער זאָל איבערגיין איבערן קבר —
קיין זכר פון אים זאָל נישט בלייבן —
פויקט אין די פויקן —
פירט אים, דעם שוסטער-יונג.

(וועכטערס ווילן אָנכאַפּן לעקערטן פאַר די הענט, לעקערט שטויסט זיי אָפּ פון זיך.)

לעקערט

איך גיי אַליין.

(לאָזט זיך גיין. געפויק און טרומייטעריי פאַרהילכן אַלע אויסגעשרייען, וואָס צעטראָגן זיך פון אַלע קאַמערן. פאָרהאַנג פאַלט, געפויקעריי האַלט אָן, ווערט שטילער און שטילער. פאָרהאַנג הויבט זיך אויף צוריק.
אַ שניידעריי-צימערל. רחל און ריזל זיצן איבער אַ „זינגער"-מאַשין און נייען.)

רחל

(אין פאָלקסטאָן)

אַז הירשקע איז פון שטוב אַרויסגעגאַנגען,
געזאָגט האָט ער: אַ גוטינקע נאַכט.
ווי הירשקע איז צום צירק צוגעגאַנגען,
אַ קליינע ווײַלע האָט ער דאָרט פאַרבראַכט. —

ריזל

ווי די טיראַנען האָבן הירשקען צוגענומען,
איז געוואָרן אַ גרויס געררודער;
איין חבר האָט געזאָגט צו דעם צווייטן:

ירם האָבן פאַרלאָרן אונזער בעסטן ברודער.

רחל

פיר אַזייגער פאַרטאָג
האָט מען הירשקען אויף וואָיענע פּאָליע געבראַכט.
און הירשקע האָט צום לעצטן מאָל געזאָגט:
מיינע טייערע ברידער, אַ גוטינקע נאַכט.

רייזל

ברידער מיינע, מיך הענגט מען שוין אויף;
קיין שום זאַך וועל איך נישט קענען טאָן;
אוי, ברידער, איר זאָלט נישט פאַרגעסן אָן מיר,
רעכענען זאָלט איר זיך מיט דער טיראַנישער נאַציאָן.

(כאָרהאַנג)